ביכער-פערלאג „דער האמער".

Юрьевская Еврейская библіотека имени Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 718

ב. באָרוכאָוו.

# די קלאסען-אינטערעסען

און

# די נאציאנאלע פראגע.

צווייטע אויפלאגע.

קיעוו.
1917.

Электропечатня насл. **Іосифа Шенфельда** Кіевъ,
Александровская площадь № 10.

**1917.**

יודישע דרוקעריי פון די יורשים י. שענפעלד קיעוו,
אלעקסאנדראווער פלאץ 10. טעל. 24-16.

# די צוויייזייטיגע פערטיילונג פון דער מענשהייט.

אין דער בעריהמטער הקדמה צו זיין בוך „צור קריטיק דער פאליטישע-עקאנאמיע" זאגט מארקס אזוי: ביי דער פראדוקציאן ארבייטען זיך אויס ביי די מענשען געוויסע בעציהונגען. אט די בעציהונגען זענען נויטווענדיג פאר-דער פראדוקציאן און זיי הענגען ניט אב פון מענשענס ווילען. אט די בעציהונגען, די פראדוקציאנס-בעציהונגען פאסען זיך תמיד צו, צו דעם מעמד אין וועלכען עס געפינט זיך די ענטוויקלונג פון די מאטעריעלע פראדוקטיוו-קרעפטען.

אום צו לעבען—מוזען די מענשען פראדוצירען. אום צו פראדוצירען מוזען זיי אויף א געוויסען אופן צונויפשטעלען זייערע אלגעמיינע כוחות. דער מענש קעמפפט ניט פאר זיין לעבען מיט דער נאטור איינער אליין. די געשיכטע קען ניט דעם מענשען, אז ער זאל לעבען אויסערהאלב פון א געזעלשאפט. יעדען איינעם קומט אויס פראדוצירענדיג, האבען צו טהון מיט דעם אנדערען, און אזוי הענגט אב דער צווייטער פון ערשטען און פון דריטען א. אז. וו. — ווען איך האב אבער צו טהון מיט א געוויסען מענש, הייסט עס, אז איך שטעה אין געוויסע בעציהונגען צו איהם. ווען די מענשען מוזען לעבען און זיי לעבען געזעלשאפטליך — הייסט עס, אז צווישען זיי ארבייטען זיך אויס געוויסע בעציהונגען. אט די בעציהונגען ענטשטעהען צוליעב דער פראדוקציאן. מארקס גיט זיי אויך אזא נאמען: פראדוקציאנס-בעציהונגען.

די פראדוקציאנס-בעציהונגען אין א געוויסער געזעלשאפט, צ. ב. אין חינא, אין פראנקרייך — אדער גענוי רעדענדיג: דער קבוץ (די געמיינשאפט) פון די פראדוקציאנס-בעציהונגען אין א געוויסער געזעלשאפט — דאס איז עבען די עקאנאמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאפט. די עקאנאמישע סטרוקטור—דאס איז דער יסוד אויף וועלכען עס ענטוויקעלט זיך די גאנצע „געזעלשאפטליכע ארדנונג", די ארדנונג פון דער געגעבענער געזעלשאפט.

נור ווען מיר זאגען: יעדע געזעלשאפט, — הייסט עס שוין, אז עס זענען דא עטליכע געזעלשאפטען. אט די געזעלשאפטען אונטערשיידען זיך, נאטירליך, מיט וואס עס איז איינע פון די אנדערע. ווען ניט, דאן וואלטען מיר ניט רעדען פון, צ. ב., אן ענגלישער בורזשואזיע און א דייטשער בורזשואזיע, פון אן אמעריקאנישען פראלעטאריאט און א רוסישען פראלעטאריאט וואס האבען שטענדיג צו טהון איינער מיט'ן צווייטען (די איינע מיט צא׳טארי-

פען, די אנדערע מיט געזעצען געגען איינוואנדערער). דענסמאל וואָלטען מיר רעדען פון דער מענשהייט, אָדער וועניגסטענס פון דער ציוויליזירטער געזעלשאפט, און ניט מעהר. אָבער, אי די דײַטשען, אי די פראנצויזען, אי די רוסען, אי די ענגלענדער זענען טיילען פון דער מענשהייט און, ווען איהר ווילט, טיילען פון דער ציוויליזירטער געזעלשאפט. זיי אונטערשיידען זיך דאך אבער איינער פונ׳ם אנדערן. מיר קומען צו דעם, אַז

## די מענשהייט איז פערטיילט אויף געזעלשאפטען.

דאָס איז אַ בעוואוסטע זאַך. קיין משוגע׳נעם וועט אויך ניט קומען אין קאפּ דאס אָבצולייקענען. די פראַגע איז אבער, ווי אזוי וועלען מיר ערקלערען די ס ב ה וועלכע ס׳רופט ארויס די דאָזיגע פערטיילונג פון דער מענשהייט, ד. ה. ערקלערונגען זענען דאָ גענוג: געהט פרעגט זיך, וועט איהר געפינען תשובות, וועלכע ס׳רעדען פון "נאציאָנאַלע אידעען", פון אנ׳„אמת-רוסישען דוך״ פון אנ׳„אמת-דאַיטשען גייסט״, פון אַ „יהדות״ א. ד. ג.; דער עצם פראגע איז אָבער: ווי אזוי זאל עס ערקלערט ווערען אויפ׳ן מאַטעריאליסטישען לשון, אָהן שום אראָבקריכעניש (ווי ס׳טרעפט אפילו מיט אנדערע „מאַרקסיסטען״) פון דעם מאַטעריאליזם, וועלכער לערנט אונז אויפצוזוכען די גרונד-אורזאכען פון יעדער געזעלשאפטליכער ערשיינונג אין עקאָנאָמישען מאַטעריעלען לעבען?

פון וואנען ס׳נעהמט זיך די פערטיילונג אויף קלאסען — ווייסען מיר שוין. מיר ווייסען, אַז אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט געפינען זיך ניט אין איין און די זעלבע לאַגע אין די פראָדוקציאָנס-בעציהונגען. פערשיעדענע טיילען, גרופען פון דער געזעלשאפט נעהמען אַ פערשיעדענעם אַנטייל אין דעם פראָדוקציאָנס-אופן, צ. ב. אין פעאָדאַלען אָדער אין קאַפּיטאַליסטישען פראָדוקציאָנס-אופן. פערשיעדענע גרופען האָבען צו די פראָדוקציאָנס-געצייג פערשיעדענע בעציהונגען. איינע קענען זיין די אונטערנעהמער, די אנדערע — די ארבייטער, די דריטע — בויערן א. אַז. וו. די גרופען, וואָס אונטערשיידען זיך אויף דעם אויבענדערמאהנטען אופן דאָס זענען די פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ק ל אַ ס ע ן.

יעדע געזעלשאפט איז פערטיילט אויף קלאסען.

פון וואנען אָבער נעהמט זיך די פערשיעדענקייט פון די ג ע ז ע ל ש א פ ט ע ן, וואָס דאס איז סוף כל סוף די הויפּט-סבה פון דער גאנצער נאציאָנאלער פראגע, די נאציאָנאלע קאָנפליקטען, די נאציאָנאלא אונטערדריקונג, די נאציאָנאלע בעפרייאונג (די וויכטיגסטע אויפגאבע פאַר׳ן פראָלעטאריאט פון אַ געדריקטער נאציאָן); אויף וועלכען באָדען קומט ארויס די פ ע ר ש י ע ד ע נ ק י י ט, און וואָס איז דער פועל-יוצא פון דער ריכטיג פעסט-געשטעלטער טעאָריע?

אויף דעם ענטפערן מיר:

## פראדוקציאנס-בעדינגונגען.

אויבען איז געזאגט: כדי צו *לעבען* מוזען די מענשען *פראָדוציערען*, כדי צו *פראָדוצירען* ארבייטען זיך אויס ביי זיי געוויסע *פראָדוקציאָנס־בעציהונגען*. נור די פראָדוקציאָן אליין קומט דאך פאר ביי געוויסע *בעדינגונגען*, וועלכע זענען *פערשיעדען* אין *פערשיעדענע* ערטער.

שוין אויבען, ציטירענדיג מאַרקס׳ען האבען מיר געזאגט, אַז דער חאַראַקטער פון די פראָדוקציאָנס־בעציהונגען איז ניט אָבהענגיג פון מענשען׳ס ווילען פון מענשען׳ס שכל, פון צופאל. דער חאראקטער פון די פראָדוקציאנס־בעציהונגען הענגט אָב פון דעם, ווי עס זעהט אויס דער מעמד פון די פראָדוקטיוו־קרעפטען, די פראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע עס געפינען זיך אין מענשען׳ס רשות. נור דער צושטאנד פון די פראָדוקטיוו־קרעפטען און די ענטוויקלונג זייערע הענגט אב קודם כל פון די נאטירליכע בעדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט אויס דעם מענשען צו קעמפפען פאר זיין עקסיסטענץ.

דער צושטאנד פון די פראָדוקטיוו־קרעפטען הענגט פריהער פון אלץ אָב פון דער געאָגראפישער סביבה, און די געאָגראַפישע סביבות זענען, ווי בעקאנט, טיעף פערשיעדען.

דאס איז מיט די פראָדוקטיוו־קרעפטען. — די פראָדוקציאָן בכלל און די ענטוויקלונג פון דער פראָדוקציאָן קומט שטענדיג פאָר ביי געוויסע נאטירליכע און היסטארישע *פערשיעדענע* בעדינגונגען, וואָס ברענגען דערצו, אַז די עקאָנאָמישע סטרוקטורען זאָלען ביי פערשיעדענע גרופען *פערשיעדען* זיין.

די פראָדוקציאָנס־בעדינגונגען זענען זעהער פערשיעדענארטיג: דאס זענען ערשטענס, פיזיש־קלימאַטישע, געאָגראפישע בעדינגונגען; דאס זענען צווייטענס, די אנטראָפּאָלאָגישע בעדינגונגען פון דער ראַסע; דאס זענען דריטענס, היסטאָרישע בעדינגונגען, אינערליכע, וועלכע עס ארבייטען זיך אויס אינערהאלב פון דער בעטרעפענדער מענשען גרופע, און אויסערליכע ד. ה. אזעלכע בעדינגונגען, וועלכע עס דריקען זיך אויס אין די סאָציאלע בעציהונגען פון דער, גרופע צו איהרע שכנים. אָט דער לעצטער מין פראָדוקציאָנס־בעדינגונגען זענען אליין געשאפען געווארען ביי דעם פראָדוקציאָנס־פראָצעס, נור זיי האבען א רעכטע זעלבסטשטענדיגע ווירקונג.

די אלע בעדינגונגען אנערקענט ענגעלס אין זיין בעקאנטען צווייטען בריעף אין "סאָציאַליסטישען אַקאַדעמיקער". דאָרטען זאָגט ער, אַז די צאָהל פון די פאַקטאָרען, וואס מאכען די עקאָנאָמיק פערשיעדענאַרטיג געהען אויך אַריין די געאָגראַפישע סביבה, די ראַסע, און אפילו די מענשליכע פערזאָן, וואס האָט זיך היסטאָריש אויסגעארבייט אין איין אָרט אַנדערש ווי אין דעם אנדערען.

אין 3־טען טייל פון „קאַפּיטאל" זאָגט אויך מאַרקס: „איין און די זעלבע עקאָנאָמישע באַזע (וואס איז „איין און די זעלבע" לויט איהרע הויפּט־בעדינגונגען) קען זיך אויף פערשיעדענע אופנים ענטוויקלען, זי קען האבען פערשיעדענאַרטיגע פעראַנדערונגען צוליעב פערשיעדענע פאַקטישע אומשטענדען, נאַטור־

בעדינגונגען, ראַסען=פערהעלטניסע,און היסטאָרישע איינפלוסען וואס ווירקען אויף איהר פון אויסען". אַלזאָ, אזוי ווי די לעהרער פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם אַנערקענען אליין, קען איין און די זעלבע ענטוויקלונגס סכעמע פון פראָדוקטיוו=קרעפטען אָננעהמען פערשיעדענע אופנים לויט דער פערשיעדענקייט אין די פראָדוקציאָנס=בעדינגונגען*). —

פון די אויבענאויסגערעכענטע פראָדוקציאָנס=בעדינגונגען ווירקען מעהר פון אלץ אין אָנהויב פון דער געשיכטע די נאטירליכע, די ניט געזעלשאפטליכע, מיט דער ווייטערער ענטוויקלונג אבער, אזוי ווי דער מענש קריגט בכלל אויבערהאנד איבער דער נאטור, אזוי איז אויך מיט די ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן. וואס ווייטער=קריגען די געזעלשאפטליכע, די היסטאָרישע בעדינגונגען מעהר איינפלוס, מעהר ווירקונג ווי די ניט=געזעלשאפטליכע, די נאטירליכע.

אָט אין דעם בעגריף "פ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס=ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן" האָבען מיר אַ פעסטען אויסגאנגס=פונקט, פאר אונז, כדי אויפצובויען אַ ריין=מאַטעריאַליסטישע טעאָריע פאר די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פ ר אַ ג ע. אָט דא ענטהאלט זיך די טעאָריע, די בעגרינדונג פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן ק אַ מ פ ף.

נור צוליעב דער וויסענשאפטליכער גענויאיגקייט מוזען מיר נאָך צוגעבען פאָלגענדע ערקלערונג:

* *
*

אין דער אויבענגעבראַכטער ציטאַטע פון מאַרקס'ען רעדט זיך וועגען היסטאָרישע איינפלוסען, וואס ווירקען פון א ו י ס ע ן. ווען איך זאג "פון אויסען" הייסט עס, אַז די זאַך, וועלכע עס ווערט בעאיינפלוסט איז אָ ב ג ע ש ל אָ ס ע ן, פון דער אנדערער. זי האָט אלזאָ אַן'אינערליכען לעבען און אַן'אויסערליכען לעבען. — נור צי איז דען דאָ אין דער וועלט עטוואס אַבסאָלוט, לחלוטין אָבגעשלאָסענעס? ניין, קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט אבגעשלאסע פון דער אנדערער — לחלוטין, אַבסאָלוט. אבער מיר ריידען דאך יא וועגען עטוואס אבגעשלאסענעס; יעדער איינער אין אלטעגליכען לעבען ווייס, אַז די מענשהייט מוז מען נאך ביז אויף היינטיגען טאָג בעטראכטען אַלס אַ קבוץ, אַ סומע פון געוויסע גאנצע, וואס זענען ג ע ו ו י ס ע ר מ אַ ס ע ן אָבגעשלאסען. ווי צ. ב. יעדערער ווייס און פערשטעהט, אַז געוויסערמאַסען זענען די פראַנצויזישע פאָלקס=מאַסען אָבגעשלאסען פון די דייטשע פאָלקס=מאַסען, און אַז. וו. — וויסענשאפטליך רעדט מען זעהער אָפט וועגען פערשיעדענע זאכען, וואס זענען יא ווי עס איז פערבונדען איינע מיט די אנדערע און פונדעסטוועגען בעטראכט מען זיי אלס בעזונדערע. פאַרוואס איז דאס אזוי?

*) געוויס זענען די פראָדוקציאנס=בעדינגונגען ווי אַ"לץ אין דער וועלט ניט זעלבסט=שטענדיג לחלוטין, זיי אליין ענטוויקלען זיך און ענדערען זיך, זיי קענען זאגאר אליין צוריק בעאיינפלוסט ווערען פון די פראדוקטיוו=קרעפטען און פראָדוקציאנס=בעציהונגען, וועלכע ס'זענען צום אנהויב פון זיי אליין ענטשטאנען. (האמער).

דאס איז דערפאר, וואס, ווי מיר האבען שוין איינמאל געזאגט און אונטערגעשטראכען, געוויסע רמאסען אבגעשלאסען זענען דא זעהר פיעל פערשיינונגען. טאקע לחלוטין ניט; נאר, ווי עס הייסט, פערהעלטניסמעסיג, (רעלאטיוו) איז עס יא אבגעשלאסען. מיר חזר'ן איבער און אונטערשטריכען, כדי ס'זאלען ניט ארויסקומען קיין מיספערשטענדניסען: פערהעלטניסמעסיג. די מענשהייט מוז טאקע ביז אויף היינטיגען טאג בעטראכט ווערען אלס א קבוץ פון פערהעלטניסמעסיג-אבגעשלאסענע גאנצעי און זעלבסטפערשטענדליך, אז רעדענדיג וועגען אזעלכע פערהעלטניסמעסיג-אבגעשלאסענע גאנצע, קען מען רעדען פון אינערליכע און אויסערליכע בעציהונגען. מארקס ווען ער רעדט וועגען „פון אויסען ווירקענדע איינפלוסען” אנערקענט שוין דערמיט אליין די פערהעלטניסמעסיגע אבגעשלאסענקייט פון די היינטיגע געזעלשאפטען.

דורך וואס אבער ווערט דאס געשאפען די פערהעלטניסמעסיגע אבגעשלאסענקייט פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען ביי א געוויסער גרופע, אזוי מיר זאלען זי קענען בעטראכטען אלס עטוואס בעזונדערעס? ווי אזו האבען מיר דאס רעכט צו בעטראכטען ענגלאנד אלס א בעזונדערע זאך פון פראנקרייך, הגם דיביידע געזעלשאפטען האבען איין און דעם זעלבען קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס-אופן? מיר קענען רעדען און מיר רעדען וועגען א פערהעלטניסמעסיגע אבגעשלאסענקייט פון געזעלשאפטליכע גרופען ניט מעהר ווי צוליעב דעם, וואס עס איז דא פערהעלטניסמעסיגע אבגעשלאסענקייט פון די פראדוקציאנס-בעדינגונגען, צווישען וועלכע עס ארבייט אויס איהר לעבען די דאזיגע גרופע.

א מאל ווערט אזא גרופע בעצייכענט מיט'ן נאמען „סאציאל-עקאנאמישער ארגאניזם”*).

* *

*

מיר קומען אלזא צו דער בעגרינדונג און ערקלערונג פון די פאלגענדע צווייערליי מינים גרופירונגען פון דער מענשהייט: 1) די גרופען, אויף וועלכע ס'ווערט פערטיילט די מענשהייט לויט דער פערשיעדענהייט אין די בעדינ-

---

*) וואס מעהר עס וואכסען די פראדוקטיוו-קרעפטען ווערען די בעציהונגען צווישען די מענשען אלין מעהר ענגער אי אינערהאלב פון דעם געגעבענעם סאציאל-עקאנאמישען ארגאניזם, אי אויסערהאלב פון איהם, און דער ארגאניזם ווערט אלץ וועניגער אבגעשלאסען, און דאס זעלבע קומט פאר אויך מיט די שכנות'ע „ארגאניזמען”.—עס איז קיין שום ספק ניטא, אז דער וואוקס פון די פראדוקטיוו-קרעפטען, אויב ער פיהרט ניט צו דער צונויפגיסונג פון די „ארגאניזמען”, אויף וועלכע די מענשהייט פערטיילט זיך, פיהרט ער יעדענפאלס צו זייער דערנעהנטערונג. נור דער וואוקס גופא פון די פראדוקטיוו-קרעפטען קומט דאך פאר אינערהאלב פון דעם געגעבענעם קבוץ פראדוקציאנס-בעדינגונגען, וועלכע עס זענען פערהעלטניסמעסיג אבגעשלאסען.

(האמער)

גונגען פון דער פערהעלטניסמעסיג אבגעשלאסענער פראדוקציאן — ריפען זיך געזעלשאפטען, סאציאל-עקאנאמישע ארגאניזמען (שטאמען, פאמיליען, פעלקער, נאציאנען). 2) די גרופען, אויף וועלכע ס'פערטיילט זיך די געזעלשאפט לויט זייער פערשיעדענעם אנטייל נעהמען אין פראדוקציאנס-אופן גיפא, לויט זייער פערשיעדענער בעציהונג צו די פראדוקציאנס-געצייג ריפען זיך קלאסען (קאסטען, שטאנדען און אז. וו.)

---

## דער נאציאנאלער קאמפף.

אז מיר האבען שוין פעסטגעשטעלט די אורזאכע, וואס רופט ארויס די פערטיילונג פון דער מענשהייט אין געזעלשאפטען, וועלען מיר שוין קענען איבערגעהען צו דער בעגרינדונג פון נאציאנאלען קאמפף און אנווייזען דעם באדען אויף וועלכען ער ענטשטעהט.

וואס עס רופט ארויס דעם קלאסען-קאמפף ווייסען מיר: די לאגע פון פערשיעדענע קלאסען אין דעם פראדוקציאנס-אופן איז פערשיעדען. די לאגע פון איין קלאס קען זיין בעסער אדער ערגער, מעהר בעקוועם אדער וועניגער בעקוועם, ווי די לאגע פון אנ'אנדער קלאס. די שטרעבונג פון די מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט צו פערנעהמען, צו בעקעמפפען א מעהר בעקוועמערע לאגע, אדער צו ערהאלטען פאר זיך די שוין פערנומענע פאזיציע דריקט זיך אויס אין דעם קלאסען-קאמפף.

דער קלאסען-קאמפף נעהמט אן א חאראקטער פון א סאציאלער פראגע דארטען וואו ס'קומט פאר א קאנפליקט (א צונויפשטויסונג) צווישען דער ענטוויקלונג פון די פראדוקטיוו-קרעפטען און דעם צושטאנד פון די פראדוקציאנס-בעציהונגען, ד. ה. אז דער צושטאנד פון די פראדוקציאנס-בעציהונגען איז אנ'אבגעלעבטער, אנ'אבגעשטארבענער, און פאסט זיך ניט צו צו די פאדערונגען פון דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער פראדוקציאן.

מיט'ן נאציאנאלען קאמפף איז אויך אזוי: די לאגע אין דער סביבה פון איינערליי מאטעריעלע פראדוקציאנס-בעדינגונגען קען זיין בעקוועמער, ווי די לאגע אין דער סביבה פון אנדערע מאטעריעלע פראדוקציאנס-בעדינגונגען; און דא קומט פאר א שטרעבונג וואס האט דעם זעלבען חאראקטער, ווי די, וואס מיר האבען אויבען אנגעוויזען ביי'ם קלאסען-קאמפף. דער רעזולטאט פון דער שטרעבונג איז דער קאמפף צווישען געזעלשאפטליכע גאנצע.

אדער מען דארף אפילו ניט, אז די אומשטענדע זאלען פערשיעדען זיין אין זייער בעקוועמליכקייט, וואריום ווי בעקוועם עס זאל ניט זיין די לאגע פון א געוויסער געזעלשאפט אין דער סביבה פון איהרע געוועהנליכע פראדוקציאנס-בעדינגונגען, קען זי פונדעסטוועגען שטרעבען צו פערברייטערען איהר פראדוק-

ציאָן, צו בערייכער׳ן איהר פאַרראַט ענערגיע און דעריבער נויטיגט זי זיך, פערברייטערנדיג די ספערע פון איהרע פראָדוקציאָנס-בעדינגונגען, צו פערכאַפּען פרעמדע, און דאָ האָבען מיר ווידער די זעלבע ערשיינונג: איינע שטרעבען צו פערכאַפּען, די אנדערע — זיך צו בעשיצען. מיר האָבען פאַר אונזערע אויגען אַ נאַציאָנאַלען קאַמפּף.

אַלזאָ האָבען מיר אָנגעוויזען צוויי יסודות, פון וועלכע עס ענטשטעהט דער קאַמפּף פון געזעלשאַפטליכע גאַנצע. פּשוט גערעדט דאָס קומט פאַר דאַן, ווען די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען פאָדערט, אַז די בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן זאָלען בעסער, בעקוועמער זיין, אָדער בכלל פערברייטערט ווערען. ד. ה. דער פריהערדיגער צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען פּאַסט זיך ניט צו צו דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן. די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם מוז אַלזאָ בעשטימט ווערען אַלס אַ קאָנפליקט צווישען דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען און דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען.

אָבער יעדע געזעלשאַפטליכע ערשיינונג האָט קודם כל אַ שייכות צו די מאַטעריעלע עקאָנאָמישע עלעמענטען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. קיין קאַמפּף פיהרט זיך ניט איבער „גייסטיגע“ זאַכען, נור איבער געוויסע מאַטעריעלע זאַכען. דער קלאַסען-קאַמפּף פיהרט זיך ניט איבער “גייסטיגע”, נור איבער מאַטעריעלע געצייג און מיטלען פון דער אַרבייט. אזוי איז אויך מיט׳ן נאַציאָנאַלען קאַמפּף.

דער קלאַסען-קאַמפּף פיהרט זיך איבער דעם מאַטעריעלען בעזיץ פון די קלאַסען; דאָס איז דער בעזיץ פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. די פּראָדוקציאָנס-מיטלען קענען זיין מאַטעריעלע און גייסטיגע. איבערהויפּט אַ מאַטעריעלער קנין הייסט אַזעלכער, וואָס קען אָבגענומען ווערען. צ. ב. מאַשינען; דאַגעגען, אַ גייסטיגער — ווערט אָנגערופען אַזאַ מין קנין, וועלכען מען קען ניט עקספּראָפּריאירען: דאָס זענען צ. ב. אַלערליי טעכנישע איבונגען, געשיקטקייט א. אַז. וו. דער קאַמפּף צווישען צוויי קלאַסען פיהרט זיך ניט צוליעב דעם בעזיץ פון די גייסטיגע, נור צוליעב דעם בעזיץ פון די מאַטעריעלע געצייג און מיטלען פון דער אַרבייט, הגם גאַנץ אָפּט נעהמט ער אָן די פאָרם פון קולטורעל-גייסטיגע אידעאָלאָגיעס.

דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף פיהרט זיך אויך צוליעב דעם מאַטעריעלען בעזיץ פון די געזעלשאַפטליכע גאַנצע. דער קנין פון אַ געזעלשאַפט — דאָס איז דער בעזיץ פון די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען. די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען קענען אויך זיין מאַטעריעלע און „גייסטיגע“, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע מען קען יאָ עקספּראָפּריאירען, און אַזעלכע, וועלכע מען קען ניט אָבנעהמען. די מאַטעריעלע בעדינגונגען — דאָס זענען די טעריטאָריע און די אַלע פּראָדוקטען פון דער מאַטעריעלער קולטור, וועלכע ס׳זענען בעשאַפען פון די מענשען, איבערהויפּט די „מאַטעריעלע“ פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען. צו די „גייסטיגע“ בע-

דינגונגען געהערען: שפּראַכע, זיטען, מנהגים, וועלטאנשויאונגען — מיט איין וואָרט: „היסטאָרישע“ פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען. דער קאַמפּף צווישען געזעלשאַפטליכע גאַנצע, דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף פיהרט זיך ניט צוליעב דעם „גייסטיגען“, נור צוליעב דעם מאַטעריעלען בעזיץ, הגם זעהר אָפט פיהרט זיך דער קאַמפּף אונטער’ן פאָהן פון גייסטיגע ווערטען.

דער נאַציאָנאַליזם האָט תמיד אַ שייכות צו דעם מאַטעריעלען בעזיץ פון דער נאַציאָן, הגם פון דרויסען קען ער האָבען פערשיעדענע מאַסקעס. נור לאָמיר פריהער בעשטימען וואָס איז אזוינס „נאַציאָנאַליזם“. — דער בעגריף „נאַציאָנאַליזם“, נאַציאָנאַלע פראַגע, איז פערבונדען מיט דעם בעגריף „נאַציאָן“, ממילא דאַרפען מיר קודם בעשטימען, וואָס האָבען מיר צו פערשטעהן אונטער’ן בעגריף „נאַציאָן“ . . .

---

# פעלקער און נאציאנען.

די אויסדריקע „פאָלק“ און „נאציאָן“ דיענען צו בעצייכנען פערשיעדענע צושטאנדען, ענטוויקלונגס־שטופען אין לעבען פון אַ געוויסער געזעלשאַפט. לאָמיר צ. ב. נעהמען דאָס וואָרט „קלאַס“. ס’איז בעקאַנט ווי דער בעגריף איבער אַ קלאַס, מיט וועלכען מאַרקס האָט זיך בענוצט מיט זיינע אויספאַרשונגען, איז ניט פעסט און זאָגאַר פערוויקעלט; פון איין זייט רעכענט מאַרקס פאַר אַ קלאַס יעדע געזעלשאַפטליכע גרופּע, וועלכע עס אונטערשיידעט זיך פון אנדערע גרופּען אין דער זעלבער געזעלשאַפט לויט איהר אנטייל וואָס זי נעהמט אין דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, לויט איהר בעציהונג צו די פּראָדוקציאָנס־געצייג. אין דעם זין האָבען אויך מאַרקס און ענגעלס בעהויפּטעט, אַז די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט איז אַ געשיכטע פון קלאַסען־קאַמפּף.

נור אגב געפינען מיר ביי מאַרקס’ען אַ זעלכע ערטער, וועלכע ס’ווייזען, אז מאַרקס האָט זיך נאך בענוצט מיט אנ’אנדערן, פיעל ענגערן בעגריף איבער „קלאַס“. דהיינו: ניט ער פערשטעהט אונטער קלאַס יעדע עקאָנאָמישע גרופּע, וואס פערנעהמט א בעזונדערע לאגע אין דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, נאָר אזא מין גרופּע, וועלכע עס האָט שוין דערגרייכט צו דער שטופע פון זעלבסטבעוואוסטזיין און איז שוין ארויסגעטראָטען אויף דער פּאָליטישער סצענע מיט קלאָר אויסגעדריקטע אינטערעסען און פאָדערונגען. די ביידע בעדייטונגען פון איין און דעם זעלבען וואָרט „קלאַס“ ביי מאַרקס’ען, קען מען געפינען צ. ב. אין זיין בוך: „די אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע“. אויף דער זייטע 178 (ערשטע פראַנצויזישע אויסגאַבע 1847) לעזען מיר: „ביי אַזאַ מין אָרדנונג, ווען ס’וועט מעהר ניט זיין קיין קלאַסען און קיין קלאַסען־געגענזעצע“ — דאָ איז געבּרויכט דער בעגריף „קלאַס“ אין דעם ערשטען פון די צוויי אויבענאָנגעוויזענע פּרטים. — אויף דער זייט 118 האבען מיר: „אויף וויפיעל דער פּראָלעטאַריאַט האט זיך

נאך ניט גענוג ענטוויקעלט, כדי צו בעשטימען זיך אלס קלאַס, אויף אַזוי פיעל טראָגט נאָך ניט דער קאמפף גופא צווישען דעם פּראָלעטאריאט מיט דער בור־זשואַזיע קיין פּאָליטישען האַראַקטער. אדער אויף דער 176־טער זייט: „די פער־שיעדענע היסטאָרישע פאַזען, וועלכע עס איז דורכגעגאַנגען די בורזשואַזיע, אָנ־הויבענדיג פון דער שטעדטישער קהילה, ביז זי האט זיך אויסגעארבייט אלס קלאַס" — דאָרט האָבען מיר שוין, פערקהערט, דעם בעגריף „קלאַס" אין צוויי־טען פשט. דאָרטען טאַקע ברענגט מאַרקס דעם אונטערשיעד צווישען די ביידע צושטאנדען פון דער גרופּע: איין צושטאַנד, ווען די גרופּע איז אַ קלאַס ניט מעהר ווי אין בעציהונג צו אנדערע גרופּען, און דער צווייטער — ווען זי געהט שוין ארויס צום פּאָליטישען קאַמפף און ווערט אַ קלאַס פאר זיך אליין.

אַ גאַנצע געזעלשאפט געפינט זיך אויך אין אַזעלכע צוויי צושטאנדען: איין צושטאנד איז, ווען זי ערשיינט אלס פערהעלטניסמעסיג־אָבגעשלאָסענע גאַנצע געזעלשאפט אין בעצוג צו אנדערע געזעלשאפטען,—דער אנדערער צושטאנד— ווען זי שטעלט פאַר אַ געזעלשאפט פאר זיך אליין. אין דער הינזיכט געפינען זיך די, וואס פערנעהמען זיך מיט די ערפאָרשונג פון אט דער געזעלשאפטליכער ערשיינונג, ד. ה., מיט דעם לעבען פון די געזעלשאפטען — אין אַ בעסערער לאגע ווי די, וואס פערנעהמען זיך מיט דער קלאסן־פראגע.

ווען מען וויל בעצייכנען דעם צושטאנד פון אַ גרופּע, וואָס פערנעהמט אַ בעזונדערע לאַגע אין פּראָדוקציאָנס־אופן און אָנווייזען צי געפינט זי זיך נאך פאַר דער שטופּע פון איהר זעלבסטבעוואוסטזיין, אָדער זי איז שוין יאָ דורכגע־דרונגען פון איהר זעלבסטבעוואוסטזיין — בעזיצט די וויסענשאפט נור איין ווארט „קלאַס". און דערפון קומט ארויס די גאַנצע פערדרעהעניש: אָנשטאָט וואָס עס האבען געזאלט זיין צוויי ווערטער פאַר די ביידע אויסדריקע — איז דא נור איין ווארט. דאגעגען, פאר די גרופּען, וואס זענען אויסגעוואקסען אין פערשיעדענע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען, איז שוין דאָ צוויי ווערטער צו בעצייכנען די צוויי פערשיעדענע צושטאנדען זייערע, דהיינו: אַ געזעל־שאפט, וואס איז אויסגעוואקסען אין איין און די זעל־בע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען רופט מען זי געוועהנ־ליך: פּאָלק—און די זעלבע געזעלשאפט, וואס איז אוי־סערדעם פעראייניגט דורך דעם בעוואוסטזיין פון דער פערוואנדשאפט צווישען איהרע יחידים (מיט־גליעדער) וואס קומט ארויס פון דער אלגעמיינער היס־טארישער פערגאנגענהייט—רופט זיך געוועהנליך: נאַציאָן. אלזאָ, אַ פּאָלק ווערט אַ נאַציאָן נור אויף אַ העכערע מדרגה פון איהר ענטוויקלונג. ווען האָבען דאָס די פעלקער אנגענומען אַ האַראַקטער פון נאַציאָנען — ווענען דעם וועלען מיר רעדען שפּעטער. דערווייל וועלען מיר איבערגעהן צו דער ערקלערונג פון דעם בעגריף: „נאַציאָנאַליזם".

## נאציאנאליזם.

די פסיכיק פון יעדער פערזאן פאסט זיך צו, אין דער אדער אין יענער מאס, צו די בעדינגונגען אין וועלכע עס לעבט איהר גרופע· אויף אזא מין אופן ארבייט זיך אויס א גרופען־פסיכאלאגיע, עס ארבייטען זיך אויס בעשטימטע שטריכען פון א גרופאווען האראקטער.

א געניטער אדער א טיפער בליק וועט שטענדיג געפינען אין זיי א שייכות צו די מאטעריעלע בעדינגונגען פון פראדוקציאנס־לעבען, צו א בעשטימטען טיפ פון פראדוקציאנס־אופן און צו א בעשטימטע סומע פון די בעדינגונגען זיינע. די שייכות קען אפטמאל זעהר פערמאסקירט זיין.

איבעריגענס, הגם די יחידים פון יעדער גרופע, זאל עס זיין א געזעלשאפט אדער א קלאס — האבען אין אלגעמיין זעהר עהנליכע שטריכען, פונדעסטוועגען הייסט עס נאך ניט, אז די עהנליכקייט איז א סמן אויף דעם, אז זייערע אינטערעסען זענען אין דער אמת'ן גלייכע, סאלידארישע. אפילו ווען עס איז יא דא אזא מין גלייכקייט פון די אינטערעסען, איז ניט שטענדיג דא דער בעוואוסטזיין פון דער דאזיגער גלייכקייט.

עס זענען דא אזעלכע גרופען, וואס זייערע יחידים קענען גאר ניט האבען קיינע גלייכע אינטערעסען, ווייל זיי רייסען זיך צוליעב זייערע אינערליכע געגענזעצע (היפוכים). און אפילו גרופען, וואס האבען אין דער אמת'ן גלייכע הארמאנישע אינטערעסען, קומען ניט אזוי לייכט צום בעוואוסטזיין פון דער גלייכקייט: כדי דער בעוואוסטזיין זאל זיך אויסארבייטען, פאדערט זיך א מעהר אדער ווייניגער לענגערע צייט.

אבער אין אזעלכע הארמאניש־צונויפגעשטעלטע גרופען א דאנק דעם וואס די יחידים זייערע פאסען זיך אויף איין אופן צו צו דעם ארומיגען לעבען, ווערט סוף כל סוף געשאפען אויך דער בעוואוסטזיין פון דער הארמאניע. אלזא א דאנק דעם, וואס די גרופע לעבט אין איינארטיגע און אויך הארמאנישע פראדוקציאנס־בעדינגונגען אדער פראדוקציאנס־בעציהונגען, ווערט נאך געשאפען אמאל, א חוץ דעם גרופען־האראקטער אויך א גרופען זעלבסט־בעוואוסטזיין. די אלע עמאציאנען (געפיהלען א. אז. וו.) וועלכע ס'קומען ארויס צוליעב דעם זעלבסטבעוואוסטזיין — גיעבען בסך־הכל דאס, וואס עס רופט זיך דער געפיהל פון נאהענטקייט און קרובות־שאפט.

דאס לעבען אין איין און די זעלבע פראדוקציאנס־בעציהונגען, ווען די בעציהונגען זענען הארמאניש פאר די יחידים פון דער גרופע רופט ביי איהר ארויס דעם קלאסען־בעוואוסטזיין, און דאס געפיהל פון קלאסען־ברידערליכקייט.

דאס לעבען אין איין און די זעלבע פראדוקציאנס־בעדינגונגען, ווען די בעדינגונגען זענען הארמאניש פאר די מיטגליעדער פון

אגעזעלשאפט — רופט ארויס דעם נאציאָנאַלען זעלבסט-בעוואוסטזיין און דאס געפיהל פון נאציאָנאַלע פערוואַנדשאפט.

אט די פערוואנדשאפט פיהלען די מענשען אלס עטוואס, וואס איז צונויפגעבונדען מיט זייער אלגעמיינער פערגאנגענהייט. נאטירליך הייסט עס נאך ניט, אז זיי האבען אין דער אמת'ן אַנ'אלטע אלגעמיינע פערגאַנגענהייט. אַ מאָל איז די אלטקייט פון דעם אלגעמיינעם עבר, ניט מעהר ווי אַנ'אויסגעטראכטע זאַך.

דער פערוואנדשאפטס-געפיהל, וואס ווערט געשאַפען צוליעב דעם אלגעמיינעם היסטאָרישען עבר און דער שורש פונ'ם אלגעמיינעם עבר ליגט אין די אלגעמיינע גלייכע פראָדוקציאָנס-בעדינגונגען — דאָס רופט זיך נאַציאָנאַליזם.

## נאציאנאליזם און טעריטאריע.

מיר האבען שוין געזאגט, אז דער נאציאנאליזם האט שטענדיג אין זיין לעצטען סך-הכל אַ שייכות צום מאטעריעלען בעזיץ פון דער נאציאן. וואס איז אזוינס דער מאטעריעלער בעזיץ פון דער נאציאן?

בכלל דער בעזיץ פון א געזעלשאפט, דאס זענען, ווי מיר האבען אויבען דערמאהנט, די בעדינגונגען פון איהר פראדוקציאנס-לעבען. די בעדינגונגען פערטיילען זיך אויף מאַטעריעלע און גייַסטיגע. דאס וויכטיגסטע פון די מאטעריעלע פראדוקציאנס-בעדינגונגען איז די טעריטאָריע. די טעריטאריע איז נאך אַ חוץ דעם דער יסוד, וועלכער עס ענטהאלט אויף זיך אַלע איבריגע פראדוקציאנס-בעדינגונגען, און דיענט אריַינצובריינגען אלע אויסערליכע איינפלוסען.

אויסערדעם האָט נאך יעדע נאַציאָנאַליטעט, אויף וויפיעל זי קען, בעשיצונגס-פארמען פון איהר בעזיץ. דאָס זענען די פאליטישע, איינהייט און די פאליטישע אינסטיטוטען, די שפראך, די נאציאנאלע ערציהונג, און דער נאציאָנאליזם אלייַן.

נור דאס מוז מען נאך געדענקען: די נאציאן איז דאָך פערטייַלט אויף קלאסען (אין בייַדע זינען פון ווארט). אין פראדוקציאנס-לעבען פערנעהמען זייַ פערשיעדענע לאַגעס, זייַער ארט אין די פראָדוקציאָנס-בעציהונגען איז ניט קייַן גלייַכער, די בעדינגונגען קענען שוין אויך פאַר זייַ בשום אופן ניט האָבען קייַן גלייַכען ווערט: זייַ פערהאַלטען זיך פערשיעדען צו דעם נאציאנאלען בעזיץ, דער שווער-פונקט פון זייַערע אינטערעסען ליגט אין פערשיעדענע זייַטען פון דעם ראזיגען בעזיץ, און דעריבער האבען זייַ פערשיעדענע „נאַציאָנאַליזמען“. ווען מיר זאלען פארמעל בעשטימען דעם נאציאנאליזם אלס א שטרעבונג צו פערטייַדיגען די נאציאנאלע אינטערעסען, וועלכע עס זענען תמיד אזוי אדער אנדערס צונויפגעבונדען מיט דער באַזע פון די פראדוקציאנס-בעדינ-

גונגען, ד. ה. מיט דער טעריטאריע, און מיט איהרע בעשיצונגס־פאר־מען—דאן האבען מיר אויך צוליעב די פערשיעדענקייט פון די נאציא־נאלע אינטערעסען גופא, אויך פערשיעדענע טיפען פון נאצי־אנאליזם.

די נאציאנאלע אינטערעסען קענען זיין אינערליכע און אויסערליכע, קע־נען זיין קאנסערוואטיווע און פראגרעסיווע, אנפאלענדע און זיך בעשיצענדע. דאס אלץ ברענגט נאטירליך אריין געוויסע פערענדערונגען אין דעם נאצי־אנאליזם.

## די ענטשטעהונג פון נאציאנאליזם.

קיין שום נאציאנאליזם קען ניט זיין, דארט וואו די פראדוקציאנס־בעדינ־גונגען זענען נאך ניט נאציאנאליזירט, ד. ה. וואו עס האט זיך נאך ניט אבגע־גרענצט פון דרויסען און צונויפגענומען פון אינווייניג די פערהעלטניסמעסיגע אבגעשלאסענע געזעלשאפט.

עס מוזען אבער בעפריעדיגט זיין ביידע דערמאהנטע בעדינגונגען. אבגעגרענצט פון דרויסען און צונויפגענומען פון אינווענינג. די פעאדאלע ארדנונג האט בעפריעדיגט נור די ערשטע בעדינגונג, ד. ה. זי האט נור ניט מעהר ווי אבגעגרענצט די פערשיעדענע געזעלשאפטען איינע פון די אנדערע. אבער זי האט ניט צונויפגעבונדען זייערע יחידים מיט אנ'ענגען, אינ־ווענינגסטען צוזאמענהאנג. די פעאדאלע עפאכע האט ניט געוואוסט פון א האר־מאניש־גאנצקייט אין די פראדוקציאנס־בעדינגונגען; זי האט נור „פעלקער" גע־קענט—דעריבער האט זי אויך ניט געוואוסט פון קיין נאציאנאליזם און פון קיין נאציאנאלע פראגע.

דער אוירשפרינגליכער (פארציייטיגער) נאציאנאליזם האט געהאט א ריין פאליטישען חאראקטער, און האט צייטענווייז סטיכיש אויפגעפלאקערט אין די צייטען, ווען די אויסערליכע בעציהונגען צווישען די פעלקער זענען שטארק פערשארפט געווארען. ער (דער נאציאנאליזם) האט אויפגעלעבט און אבגעשטאר־בען צוזאמען מיט די גרויסע מלחמות און די מלחמות גופא האבען זיך ניט געפיהרט צוליעב נאציאנאלע אינטערעסען, און זיי זענען ניט געווען נאציאנאל.

ווען אבער אין שוים פון דער פעאדאלער ארדנונג האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען דער האנדעלסקאפיטאל, דערנסטמאל האט אנגעהוי־בען ווערען א גרויסע איבערקעהרעניש. פאמעלאך האבען אנגעהויבען בעשאַ־פען צו ווערען נאציאנאליטעטען, דער נאציאנאליזם און זייער רעזולטאט—די נא־ציאנאלע פראגע. די ערשטע פשוט'ע נאציאנאלע פאליטיק, וועלכע ס'קאן גאר ניט הייסען נאך קיין נאציאנאלע—איז אריבערגעגאנגען פון דרויסען אין אינווע־ניג; אנשטאט וואס זי איז פריהער געוועזען א ריין צייטליכע און א צופעליגע, האט זי זיך אנגעהויבען צו פיהרען שטענדיג און כסדר. און ערשט אריבערגע־

הענדיג אינוועניג איז זי געווארען נאציאנאל. די ענטוויקלונג פון קאפיטאל האט פאמעלאך צורודערט די יסודות פון דער פריהערדיגער ארדנונג, און מיט דער הילף פון דעם איינענעם קאפיטאל איז ארויסגעקומען „דאס צונויפקלייבונג פון לאנד”; עס האבען זיך פארמירט גרויסע מאנארכיעס. פרעגט זיך, וואס פאר אנ׳אינטערעס האט געשטופט די בעוועגונג, וועלכע עס האט נאציאנאליזירט די בעדינגונגען פון דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן?

אין דעם צווייטען קאפיטעל ענטפערן מיר אויף די פראגע. צום סוף פון דעם קאפיטעל וועלען מיר נור אנווייזען אויף פאלגענדעס: די ערשטע טרעגערין פון די נאציאנאלע געדאנקען, די בורזשואזיע, (די האנדעלס-בורזשואזיע און די אינדוסטריעלע)—וואס איז אין איהר צייט אזוי יונג און פראגרעסיוו געוועזען, האט געפיהרט אנ׳ענערגישען קאמפף מיט דעם אלטען רעזשים, און האט א נייע וועלט געשאפען. זי האט, זעלבסטפערשטענדליך, ניט געקענט זיין אין דערזעלבער צייט די בעשיצערין פון טראדיציאנעלע יסודות: פון זיינע ערשטע טריט האט דער נאציאנאליזם קיין שום שייכות ניט צו טראדיציעס.

שרעקליך אבערפלעכליך און אונוויסענד זענען די, וואס מאכען אוועק דעם נאציאנאליזם בכלל אלס א זאך וואס איז שוין אבגעלעבט, וואס איז א רעאקציאנערע, א טראדיציאנעלע זאך. דער נאציאנאליזם איז א פראדוקט פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, ער איז געקומען אויף דער וועלט צוזאמען מיט איהר, ער געוועלטיגט די גאנצע צייט, וואס זי געוועלטיגט, מען מוז זיך מיט איהם רעכענען ווי מיט אלע ערשיינונגען פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. און רעדענדיג פון פראלעטארישען שטאנדפונקט מוזען מיר זאגען: דער פראלעטאריאט האט א דירעקטע שייכות צום נאציאנאליזם, צום נאציאנאלען בעזיץ—צו דער טעריטאריע. קוים נעמט דער פראלעטאריאט אנ׳אנטייל אין דער פראדוקציאן, איז ער פעראינטערעסירט אין די פראדוקציאנס-בעדינגונגען, ס׳מוז זיין א געוויסער פראלעטארישער טיפ פון נאציאנאליזם—און ער איז דא.

אלס אנ׳אלגעמיינע, נויטווענדיגע בעדינגונג, פאראויסזעצונג פון קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס אופן איז די פרייהייט. דער האנדעל און די אינדוסטריע שיינען נור ביי דער פרייהייט פון קאנקורענץ. ד. ה. ווען ס׳איז דא די פרייהייט נאר איבערצופיהרען די קאפיטאלען און די סחורות און מאכען אומזאץ מיט זיי. און דער ארבייטער מוז אויך פריי זיין און פריי בענוצען זיין ארבייטס קראפט, ד. ה. ער מוז זיך קענען פריי בעוועגען—און נור אזוי קען געשאפען ווערען דער מעהרווערט—דער לעבענסזאפט פון קאפיטאל.

די פרייהייט אומצופאהרען, בכלל זיך צו בעוועגען, דאס איז די ערשטע און וויכטיגסטע פון אלערליי פרייהייטען, אהן איהר האבען אלע איבעריגע פרייהייטען קיין שום ווערט ניט—און זי איז די ערשטע בעדינגונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן.

צום איבערוואַנדערן און פערקעהר, מוז נאַטירליך זײַן די טעריטאָריע. אַ פרײַעס ארומפאהרען, אַ פרײַער פערקעהר מוז האָבען פאָראויס אַ פרײַע טעריטאָריע אָט האָבען מיר דעם אינטערעס, וואָס האָט געבראַכט צו דעם קאַמפף פון דער בורזשואַזיע צו בעפרײַען דאָס לאַנד.

און דער קאַמפף האָט זיך געפיהרט צו בעפרײַען פריהער פון אַלץ אַ געוויסע טעריטאָריע, וואָס האָט געוויסע גרענעצען, די גרענעצען האָבען זיך געענדיגט דאָרט, וואו עס האָט אויפגעהערט צו הערשען די בעטרעפענדע שפראַך. דען אין דער ערשטער צײַט, ווען די בורזשואַזיע-ווירטשאַפט האָט זיך ענטוויקעלט האָט קײנער ניט געקענט האָבען די מעגליכקײַט צו טראַכטען וועגען פערניכטונג אָט פון די גרענעצען. און פריהער פון אַלץ האָט מען געברויכט צו מאַכען פרײַ פאַר'ן אַרומפאָהרען—די טעריטאָריע אויף וועלכע עס הערשט די בעטרעפענדע שפראַך.

מען האָט געברויכט צו בעפרײַען די בעפעלקערונג פון דער טעריטאָריע און צו בעזײַטיגען די פעאָדאַלע מחיצות, וואָס האָבען בעדעקט דאָס לאַנד ווי אַ געדיכטע נעץ און האָבען געשטערט די פרײַהײַט פון אַרומפאָהרען. די בורזשואַזיע האָט אַלזאָ דענסטמאָל געשאַפען אַ פערהעלטניסמעסיג אָבגעשלאָסענעם סאָציאַלען אָרגאַניזם, זי האָט איהם בעפרײַט פון דער פאַנשציזנע און האָט האַרמאָניזירט די בעדינגונגען פון זײַן פּראָדוקציאָן. אָט פאַר וואָס זי איז געווען נאַציאָנאַליסטיש. זי האָט, אויסערדעם, בעפרײַט די גאַנצע בעפעלקערונג פון לאַנד. נאַטירליך מיט די הענד פון דער בעפעלקערונג גופא. זי האָט זיך פעראײַניגט מיט אַלע שיכטען צוזאַמען, געגען אײן שיכט - געגען די דאַמאָלסדיגע „פּני”. דאָס האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט און אויפגעמונטערט איהר קעמפפענדען, אין דער אמת'ן, פּראָגרעסיווען נאַציאָנאַליזם.

אַזוי זענען צו יענער צײַט די אײראָפּעאישע פעלקער געוואָרען נאַציאָנען.

זײ האָבען אויסגעארבײַט בײַ זיך דעם נאַציאָנאַלען זעלבסטבעוואוסטזײַן, די יחידים פון דער נאַציאָן זענען דורכגעדרונגען געוואָרען פון דעם פערוואַנדשאַפטסגעפיהל אויפ'ן באָדען פון זײער אַלגעמײנעם היסטאָרישען עבר, ד. ה. אויפן מאַטעריאַליסטישען לשון: אויפ'ן באָדען פון די אַלגעמײנע בעדינגונגען פון זײער פּראָדוקציאָנס-לעבען. די פעלקער וואָס זענען פעראינטערעסירט געווען צו שאַפען זײער אַלגעמײנעם בעזיץ האָבען פערשטאַנען, אַז אַזאַ מין בעזיץ געפינט זיך בײַ זײ, נור מען דאַרף עס אַרויסרײַסען בײַ'ם הערשענדען פעאָדאַליזם פון די הענד. זײ האָבען אַלזאָ ליעב בעקומען זײער טעריטאָריע, — די הײמאַט, דאָס פאָטערלאַנד—די אַלגעמײנע באַזע פון די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען, זײ האָבען ליעב בעקומען איהרע בעשיצונגס-פאָרמען, זײ האָבען אנגע-

הײבען צו קולטיווירען זײער שפראך, און געחלומ'ט פון אן אמת'נאציאנאלער מלוכה.*)

* *
*

נאך דער רעוואלוציע אבער האט זיך קלאר ארויסגעוויזען די *צוגלידערונג* פון דער געזעלשאפט; עס האט זיך אויסגעוויזען, אז די נאציאן דאס איז א שיטה פון פערשיעדענע קלאסען. נאכדעם ווי זײ האבען אבגענומען זײער נאציאנאלען בעזיץ, האבען זײ זיך גענומען פאר דער פערטײלונג פון דעם רײכטום. און מיט א גרויסען כח האט זיך פונאנדערגעברענט דער *קלאסענקאמפף*. די הארמאניע און די סאלידאריטעט, פון וועלכען מען האט פריהער גערעדט, זענען צוזײט געווארען ווי א רויך. דער עיקר־פרינציפ פון דער פאליטיק „דאס פאלק" האט זיך ארויסגעוויזען אלס א פיקציע, וואס האט קײן ממשות ניט. „אונזער" הײמאט, „אונזער„ לאנד, „אונזער" שפראך, „אונזער" קולטור, די אלע בעדינגונגען פון פראדוקציאנס־לעבען, זענען טאקע געבליבען א *נאציאנאלער* בעזיץ. עס האט זיך אבער אויפגעהערט צו דאכטען, אז דאס איז דאס *אלגעמײנע* בעזיץ פון אלע יחידים פון דער נאציאן. און אויך דער עצם פערוואנדשאפטס־בעוואוסטזײן אויפ'ן באדען פון אלגעמײנעם היסטארישען עבר, האט פערלארען זײן שארפע פארם וועלכע ער האט פריער געהאט. ער איז געווארען אוים הײסער געפיהל, ער איז געבליבען ניט מעהר ווי אלס אנ'איבערלעבונג: *ער איז געווארען א טראדיציע.*

*דא רעדט זיך וועגען פרײע נאציאנען*, וואס אונטערדריקען קײנעם ניט און ווערען פון קײנעם ניט אונטערדריקט, — וועגען נאציאנען וואס לעבען אין *נארמאלע* פראדוקציאנס־בעדינגונגען. בײ זײ איז דאס פערוואנדשאפטס־געפיהעל און פערוואנדשאפטס־בעוואוסטזײן געווארען א טראדיציע, א היסטארישער זכרון.

די מאטעריעלע לעבענס־בעדינגונגען, וואס האבען ארויסגערופען דעם קלאסען אנטאגאניזם האבען אבגערוקט אט די טראדיציע גאר אן א זײט, און

---

*) צוזאמען מיט אט דעם פראגרעסיווען נאציאנאליזם האט געוואקסען בײ דער קעמפפענדער בורזשואזיע אויך א קאסמאפאליטישע, ריכטיגער אנ'אוניווערסעלע, שטימונג: זי האט געשטרעבט צו מאכען גליקליך די גאנצע מענשהײט, אבצווישען דעם פעדעראליזם פון דער וועלט אין גאנצען. די אלוועלטליכע מלחמות פון נאפאלעאנ'ען האבען ניט געשטרעבט צו קײן נאציאנאליסטישע ציעלען. ס'איז אפילו קײן סימן ניט געוועזען, אז ער האט געוואלט אונטערדריקען פרעמדע נאציאנאליטעטען, אויסראטען זײערע שפראכען, אדער אויסגלײכען זײערע זײטען, זײערע מנהגים, נײן, די יונגע בורזשואזיע האט זיך זעהר אויפריכטיג פערהאלטען צו די בעזונדערהײטען פון די אונטערטעניגטע פעלקער.

ניט צוגעלאזט זי צו קיין שום געזעלשאפטליכען איינפלוס. יעדער קלאס האט פערנומען זיין סאציאלע פאזיציע און האט ליעב בעקומען, פון זיין קלאסען-שטאנדפונקט, א בעזונדערע זייט פון דעם נאציאנאלען בעזיץ, אט די זייט, מיט וועלכער ער האט מעהר ווי מיט אנדערע צו טהון.

ביי פרייע פעלקער, וואס אונטערדריקען ניט קיינעם און ווערען פון קיינעם ניט אונטערדריקט, איז ניטא אזא מין סביבה, וואו די נאציאנאלע אינטערעסען זאלען זיך צונויפקומען, ד. ה. ס'איז ניטא קיין ארט אין די פראדוקציאנס-בעדינגונגען, וואו ס'זאלען ווערען אנגעריהרט די אלגעמיינע הארמאנישע אינטערעסען פון אלע יחידים פון דער נאציאן; ביי זיי איז ניטא קיין לעבעדיגער „נאציאנאליזם". ער ווייזט זיך נאר ארויס אין שוואכע סימפאטיע-געפיהלען, אזוי צו זאגען, פון „ליעבע צו אייגענע". אט די „ליעבע" קען בריינגען דערצו, אז ביי איבעריגע גלייכע בעדינגונגען*) וועט דער מענש העלפען „זיין אייגענעם" גיכער און מיט מעהר פערגעניגען אלס א „פרעמדען".

ביי בעזונדערע קלאסען פון פרייע נאציאנען אפילו, קען פון דעסטוועגען זיין א מאל א מעהר ממשות'דיגער נאציאנאליזם. נור אלענפאלס איז ער ניט מעהר ווי א פאטענציעלער (אנ'איינגעהאלטענער), וואס ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט ווייזט ער זיך ארויס אין א שארפע פארמע.

נור תמיד דארף מען גוט געדענקען: אזא מין געלעגענהייט קען פארקומען נור דעמאלט ווען עס ווערט אנגעריהרט דער נאציאנאלער בעזיץ, און נעהמליך, דער מאטעריעלער נאציאנאלער בעזיץ. אין אגב מוז ער ווערען אזוי אנגעריהרט, אז דערביי זאלען אנגעריהרט ווערען איך וועמענס עס איז קלאסען-אינטערעסען, ווייל דער שווערפונקט פון פרייע נאציאנען ליגט ניט אין זייער נאציאנאלען קיום—זייערע פראדוקציאנס-בעדינגונגען זיינען דאך גאנץ נארמאל,—נור אין זייער קלאסען-סטרוקטור, אין די בעציהונגען וואס ווערען געשאפען אין די ראמען פונ'ם פראדוקציאנס-אופן גופא. כל זמן עס ווע-

ניט פארגענומען צו אסימילירען די אונטערטעניגטע פעלקער. פערקעהרט, אומעדום האט ער ניט מעהר ווי אומגעביטען די דינאסטיע און די פעלקער געלאזען זעלבסטשטענדיג. (ווי בעקאנט, האט נאפאלעאן אין זיינע מלחמות זיך אפטמאל געשטיצט אויף די אונטערדריקטע פעלקערשאפטען, בעת ער איז בעפאלען זייערע אונטערדריקער.—לויט איינינע דאטען האט ער זאגאר געקלערט צוריק צוגעבען די יודען פאלעסטינע.)

נור די נאציאנאליסטישע חוואליע, וואס האט זיך פונאנדערגעגאסען איבער אייראפא האט צום סוף אבגעוואשען אויך דעם דאזיגען סימן פון קאסמאפאליטיזם, וואס נאפאלעאן האט ארויסגעוויזען.

*) מיר האבען געזאגט: „ביי איבעריגע גלייכע בעדינגונגען", ווייל ווען די

בען ניט אנגעריהרט די נאציאנאלע אינטערעסען פון וועלכען ס'איז קלאס, אזוי לאנג פערדונקעלט גיכער ווי אלץ די פראפאגאנדא פון נאציאנאליזם דעם קלאסען-בעוואוסטזיין, און דעריבער איז זי שעדליך.

ס'איז אבער זעלבסט-פערשטענדליך, אז ווען די בעדינגונגען פון פראדוקציאנס-לעבען ביי א געוויסער נאציאן ווערען געשטעלט אין אנ'אוננארמאלע לאגע — האט שוין דער נאציאנאליזם א גאנץ אנדערן כאראקטער, דעמאלט בעקומט ער זיין בערעכטיגונג.

## נאציאנאליזם און קלאסען-בעוואוסטזיין.

בכלל דארף מען וויסען: די אנאמאליעס אין די פראדוקציאנס-בעדינגונגען רופען זיך שעדליך אב אויף די פראדוקציאנס-בעציהונגען גופא, אויף דער קלאסען-סטרוקטור. ס'איז אנ'אלגעמיין-בעקאנטער פאקט: נארמאלע פראדוקציאנס-בעדינגונגען גיבען די מעגליכקייט די קלאסען-געגענזאצען צו פערשארפען זיך, אוננארמאלע — פערטעמפפען זיי. אין דער זעלבער צייט דענאציאנאליזירען די נארמאלע פראדוקציאנס-בעדינגונגען דאס פאלק, און פערטעמפפען דעם נאציאנאלען זעלבסט-בעוואוסטזיין פארקעהרט ביי אוננארמאלע בעדינגונגען, ד. ה. ווען עס פעהלען וועלכע עס איז זייטען פון נאציאנאלען בעזיץ און עס זענען בעשעדיגט זיינע בעשיצונגס-פארמען — ווערען די אינטערעסען פון דער נאציאן הארמאניש, דער נאציאנאלער זעלבסטבעוואוסטזיין ווערט פערשטארקט און פערגרעסערט. דעראיבער עקזיסטירט צווישען דעם קלאסען-בעוואוסטזיין און דעם נאציאנאלען בעוואוסטזיין א געוויסער אנטאגאניזם ווייל ביידע האבען זיי די טבע איינער דעם אנדערען צו פערדונקלען. א מאל טרעפט, אז די אינטערעסען ביי די יחידים פון א נאציאן, וואס געפינט זיך פערשטענדליך אין אוננארמאלע פראדוקציאנס-בעדינגונגען — זענען אין דער אמת'ן הארמאניש אין וועלכער ניט איז הינזיכט. עס טרעפט זיך אבער, אז געוויסע קורצזיכטיגע קלאסען-אידעאלאגען איגנארירען פון אויך דעמאלט די נאציאנאלע אינטערעסען, וועלכע ס'זענען וויכטיג פאר זייער קלאס אויך, און פערדונקלען דעם נאציאנאלען בעוואוסטזיין, וועלכען מען וואלט אין דעם פאל גראדע ניט געברויכט צו פערדונקלען, ווייל דאס איז שעדליך

---

רעאלע סאלידאריטעט וועגט אריבער אויפ'ן „פרעמדענס" זייט, ווערט אין איין מאמענט צו נישט דער גאנצער נאציאנאליזם. צ. ב. דער כח פון האלענדישען נאציאנאליזם קען זיך ארויסווייזען אין דעם, וואס דער האלענדישער בעל-הבית וועט גיכער העלפען א הונגעריגען האלענדער איידער א בעלגיער, נור ביי אלעם דעם איז איהם פיעל נעהענטער צום הארצען דער בעלגישער קאנסערוואטאר, אלס דער האלענדישער סאציאליסט.

פאַר די אינטערעסען פון זייער קלאַסאויך. דעם זעלבען רושם מאכט אויך אַ נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע דאָרטען, וואו וועלכע ניט איז נאַציאָן געפינט זיך אין נאָרמאַלע בעדינגונגען, אָדער דאָרטען, וואו די פּראָפּאַגאַנדע גופא וויל איינרעדען, אַז די אינטערעסען זענען נאָך מעהר אָין ברייטער האַרמאָניש ווי עס איז ווירקליך. אין דעם לעצטען פאַל פערדונקעלט דער נאַציאָנאַליזם דעם קלאַסען־בעוואוסטזיין; און דאָס איז, פערשטעהט זיך, שעדליך אויך פאַר דער גאַנצער נאַציאָן, ווייל זי שטעלט ניט ריכטיג פאַר די אמת׳ע פערהעלטניסען פון די גרופּען עס ברענגט דערצו, אַז מען נאַרט זיך אליין, עס ברענגט צו פּוסטע רייד און צו סאָציאַלער קורצזיכטיגקייט.

די פערדונקלונג פון בעוואוסטזיין איז שטענדיק שעדליך, צי דאָס קומט אַרויס פון אַ קלאַסען אָדער אַ נאַציאָנאַלער דעמאַגאָגיע, — צי ווערען דאָ פערטושט נאַציאָנאַלע אינטערעסען, אָדער קלאַסען־אינטערעסען; צי ווערט שלעכט פערשטאַנען דער רעאַלער צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען אָדער פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען — אלץ איינס, אי דאָס, אי יענץ איז רעאַקציאָנער.

* *

*

די הערשענדע קלאַסען פון פרייע און אויך פון אונטערדריקטע נאַציאָנען נוטצען אויס דעם גרונד־אַנטאַגאָניזם וואָס עס איז דאָ צווישען דעם נאַציאָנאַלען און קלאַסען־בעוואוסטזיין און זענען נוטה אַ מאָל צו פיהרען אַ צבואישע נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ, כדי צו פערדונקלען דעם קלאַסען־בעוואוסטזיין פון זייערע אונטערטעניגסטע. נור דער אומשטאַנד דאַרף אונז ניט נאַרען און מיר דאַרפען ניט מיינען אַז אט די הערשענדע קלאַסען זענען טאַקע אליין נאַציאָנאַל געשטימט. אלענפאַלס זענען די הערשענדע קלאַסען ניט נאַציאָנאַל, נור נאַציאָנאַליסטיש.

יעדע פּראָפּאַגאַנדאַ, יעדע בעוועגונג וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין דעם חאַראַקטער פון די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען פון אַ געזעלשאַפט — ווערען אָנגערופען נאַציאָנאַליסטיש, דענסטמאָל ווען זיי פערדונקלען דעם קלאַסען־ און בירגערליכען בעוואוסטזיין פון איהרע מיטגליעדער, ווען זיי איגנאָרירען איהר קלאַסענסטרוקטור און די געגענזעצליכקייט פון די אינטערעסען. — ווען אבער זיי פערטושען ניט די קלאַסענסטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, ווערט די פּראָפּאַגאַנדע און די בעוועגונג אָנגערופען נאַציאָנאַל.

דער „נאַציאָנאַלער גייסט”, אלערליי „קולטור־היסטאָרישע סובסטאַנצען”, די אלע אויפגעבלאָזענע טראַדיציעס זענען די בעסטע שמשים ביי אזא מין פערטושונג. מיט דאָס זענען אלע מאָל געדיכט איבערגעשאָטען די נאַציאָנאַליסטישע דרשות. אלערליי פּוסטע רייד, וואָס זענען פול מיט די אָדער עהנליכע צו זיי בעגריפע — זענען ניט נאַציאָנאַל, נור נאַציאָנאַליסטיש.

א מענש אלזאָ, וואָס דענקט נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש, נעהמענדיג אין אכט דעם פאַקט, אז ס'איז דא אנ'אלגעמיינער נאציאָנאלער חאַראַקטער, וואס איז אייגען אלע מיטגליעדער פון דער נאציאָן, איז נוטה פון פערגעסען ציליעב דעם אלע סאָציאלע אונטערשיעדען פון די יחידים וואס געהען אריין אין כלל פון דער נאציאָן. א מענש אבער, וואָס דענקט נ א צ י אָ נ א ל, ווען אפילו ער אנערקענט, אז עס עקסיסטירט אזא מין אלגעמיינער נאציאָנאלער חאַראַקטער, וועלכער עס איז געשאפען געווארען אין דער סביבה פון אלגעמיינע פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען — פערשטעהט ער פון דעסטוועגען: ערשטענס, אז די שטריכען פון אט דעם נאציאָנאלען חאַראַקטער, פון דעם נאציאָנאל-קולטורעלען טיפּ איז זעהר שווער צו חאפּען, זיי זענען צופּיעל פאנאנדער געשוואומען. צווייטענס, אז אינערהאלב פון יעדער בעטרעפענדער נאציאָנאליטעט ווייזען זיך ארויס ביי יעדען בעזונדערן קלאס — זיינע בעזונדערע חאַראַקטער-שטריכען, וועלכע זענען פּיעל מעהר בולט און וועלכע מען קען פאַלשטענדיג אויפנעהמען.

צום סוף, א מענש, וואָס דענקט נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש האלט, אז אלע מיטגליעדער פון דער נאציאָן דארפען זיין נאציאָנאליסטען, ער מאכט דעם נאציאָנאליזם און פּאַטריאָטיזם פאר א הייליגען חוב. אבער א מענש וואס דענקט נ א צ י אָ נ א ל געפינט גאר ניט קיין שום „מרידה" אין דעם, וואס איינינגע קלאַסען פון דער געזעלשאפט זענען אין גאנצען פריי פון נאציאָנאליזם, און די אנדערע פערשטעהען דעם נאציאָנאליזם יעדער אויף זיין ארט, אין צוזאמענהאנג מיט זייערע פערשיעדענע קלאסען-אינטערעסען.

מיר געהען איבער צו דער חאַראַקטעריזירונג פון די פערשיעדענע טיפּען פון נאציאָנאליזם ביי די פערשיעדענע געזעלשאפטליכע קלאסען.

---

## דער נאציאנאליזם פון די גרויסע אגראריער.

די גרויסע אַגראַריער — דאס זענען דער קלאס, וואס לעבט פון דער ערד, זיי לעבען, פון דעם רווח, וואס עס גיבען זיי זייערע קאַפּיטאלען. נור די ערד-רענטע — דאס איז די הויפּטקוועלע פון זייערע הכנסות. און דאס ברענגט זיי דערצו, אז זיי זאלען שעצען מעהר ווי אלץ די אימאָביליען, דאס ערד-אייגענטום. די טעריטאָריע איז זיי ליעב נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זי נוצט זיי אלס א שטיק ערד, פון וועלכען זיי קריגען זייער רענטע. זייער נאציאָנאליזם איז בעצם אנ'ערד-נאציאָנאליזם. ער קען אנגעריהרט ווערען נור דענסטמאָל, ווען אוועלכעס ניט איז שכנ'ישע פאָלק וואָלט געקלערט צו פערחאפּען די ערד גופא — ווייל אויף אזא אופן פערלירען די אגראריער די מעגליכקייט צו ציהען זייערע הכנסות. די אגראריער זענען ווייט, אייגענטליך, פון צו אינטערעסירען זיך מיט דעם, וואס די טעריטאָריע נוצט נאך פאר אנדערע

קלאסען פון זייער נאציאָן אלס נאציאָנאלער מארק, און זיי וואלטען זיך ווענינ קימערן ווען א פרעמדעס פאָלק, פרעמדע קאפיטאליסטען, וואלטען קלערען ארויסצוחאפען ביי זייער בורזשואַזיע דעם מארק, וועלכען עס שטעלט מיט זיך פאָר די טעריטאָריע. נור אנדערע, זייטיגע אינטערעסען פון אט דעם קלאס ברענגען איהם צו דעם, אז ער זאָל זיך יאָ אינטערעסירען דערמיט.

דען די פאָזיציע פון דעם אַגראַריער קלאַס אין דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג איז א היסטאָרישע איבערגאנגס=פאָזיציע. דער דאָזיגער קלאַס קאַפיטאליזירט זיך שנעל אין היינטיגער צייט און ער ווערט שוין אלזאָ געשטעלט אין נייע בעציהונגען צו דעם נאציאָנאלען בעזיץ און צו זיינע בעשיצונגס=פארמען. נור דאָס איז נאך ניט אלץ. דען וואָס זענען אייגענטליך, די אַגראַריער? די אַגראַריער דאס איז א רעשטעל פון פעאָדאַליזם, פון דער אָרדנונג, וואס די ענטוויקלונג האָט זי פערמשפט צום טוידט. די אגראריער האָבען פערלאָרען די עקאָנאָמישע מאכט, און וואס ווייטער ווערט פון זיי צוגענומען אין גאנצען אויך די פאָליטישע מאכט, וועלכע ס'איז נאָך געבליבען ביי זיי אין אנדערע ערטער. און דאס ריפט זיך אָב אויף זייער נאציאנאליזם, וועלכער ס'שטעלט מיט זיך פאָר דעם גרעסטען שאָוויניזם.

אין די מעהר אבגעשטאנענע ערטער, וואו דער אַגראַריער=קלאס איז נאך געוויסערמאסען פערבליבען — שטעהט ער נאך אלץ נעהענטער ווי אנדערע צו דער מלוכה'שער מאכט. און די היינטיגע מלוכה איז דאָך א קלאסען=מלוכה. די אינטערעסען פון פערשיעדענע טיילען אין איהר (אין דער מלוכה) זענען פערשיעדען. ממילא, געהערט ניט די הערשאפט צו אלע גריפען פון דער בעפעלקערונג. די מלוכה=מאכט איז שטענדיג ענגער פון אלץ צונויפגעבונדען מיט וועלכען ניט איז קלאס. ווי ווייט אבער ס'איז מעגליך, שטרעבט די רעגירונג זיך צו שטיצען אויף דער אכטונג פון דער גאנצער בעפעלקערונג, אהן אונטערשיעד פון קלאסען. כדי צו איינהיטען איהר איינפלוס, שטרעבט זי צו פערנעהמען כלומרשט אנ'אָרט א י ב ע ר אלע קלאסען, און משפט'ן אהן פניות, אלע רייסעניש צווישען די קלאסען. צו שטעהן אָבער אויף אזא מין פאָזיציע איז מעגליך נור דענסטמאָל, ווען מען זאָל אויפהייבען אזא מין פאָהן וואָס שטעהט כלומרשט העכער איבער אלע צוזאמענשטויסונגען אין דעם מלוכה=שען אָרגאניזם. אָט די פאָהן — איז דער נאציאָנאליזם, די נאציאָנאלע אידעע.

אזוי טוהען אויך די אַגראַריער, וואו זיי האַלטען נאָך, ווי מיר האָבען דערמאָהנט, די פאָליטישע מאכט ביי זיך אין די הענד.

צוליעב דעם זעהען מיר אָט די וואונדערבארע ערשיינונג; די אייגענע פעאָדאַלען, וואָס אַמאָל האָבען זיי קיין שום בעגריף ניט געהאַט וועגען „נאַציאָנאַלע אידעע", „נאַציאָנאַלע מיסיאָן"—זענען היינט די עוסקים שרייערס וועגען דעם. בסך=הכל האבען זיי זיך נאָר דערוואוסט פון דער דאָזיגער אידעע פון זייער געוועזענעם פיינד, פון דער בורזשואזיע. אָט דער וואונדער ווערט ערקלערט נור דורך דעם, וואָס זיי זענען גענויטיגט צו פערנעהמען כלומר'שט א

פּאָזיציע איבער אלע קלאסען. כדי ניט צו דערוועקען בײַ דער אונטערטעניגען בעפעלקערונג קיין אונצופריעדענהייט, שמעקען זיי שוין אויס אלץ וואָס עס האָט א פּנים פון אנ'אלגעמיין־נאַציאָנאלען ווערט, און זיי קריכען אויסען הויט צו פערטיידיגען דאס און צו פערבלענדען דערמיט דער בעפעלקערונג די אויגען. דערפון קומט ארויס דאס, וואס די גרויסע אַגראַריער האלטען אזוי מורא־דיג פון דער נאציאָנאלער עהרע און זענען אזעלכע גוזמא'דיגע קפּדנים אין נאַציאָנאלען זין. זיי זענען, אזוי צו זאָגען דער שטענדיגער אויפּריים־מאַטעריאל פונ'ם נאציאָנאליזם. תמיד זענען זיי אָנגעגרייט ארויסצושפּרינגען בײַ דעם קלענסטען שטויס.

דער נאַציאָנאַליזם פון די אַגראַריער האָט נאָך א „מעלה״: בײַ די אַגראַריער איז נאָך געבליבען דער אוצר פון די טראַדיציעס וועלכע ס'האָבען זיך אָנגעקליעבען אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע. הגם דער עצם־נאציאָנאַליזם, אזוי, ווי מיר האָבען געזעהן, האָט נישט געמיינזאמעס מיט קיין טראַדיציעס אין דער ערשטער צייט ווען ער איז ענטשטאנען און פערשפּרייט זיך — פּלאָנטערט זיך אָבער צונויף בײַ די אַגראַריער דער נאַציאָנאַליזם מיט די טראַדיציעס אין איין געדיכטען נעץ.*)

אין די לענדער, וואו די הערשאפט געפינט זיך אין די הענד פון דער בורזשואַזיע, און די אַגראַריער זײַנען דערוויַיטערט פון דער רעגירונג, ווייזט זיך ארויס דער טראַדיציאָנס־נאַציאָנאַליזם פון די אַגראַריער און זייערע רעאַקציאָנערע אָהנמעכטיגע שטיק. דערנעהנטערענדיג זיך צום נאָהנטען קבר, בעציַיכנען זיי זייער טרויערינגען וועג מיט ניט וועניגער טרויעריגע סקאַנדאַלען. אָט אַזאַ מין

---

*) און דערפאר, וואס די אגראריער, אלס פּאָשטעהער פון דער פּאָליטישער מאכט, ווארפען זיך דער גאנצער וועלט אין די אויגען, מיינען די נאַאיווע צוקוקער אז דער נאַציאָנאַליזם איז אין דער אמת'ן איינס און דאס זעלבע וואס טראַדיציע. אט אַזאַ מין אויבערפלעכליכער בעשלוס גיט ניט צו קיין גרויסען כבוד די מענשען, וואס גלויבען אין איהם. אלץ וואס מען רעדט וועגען דעם, אז דער נאַציאָנאַליזם איז טראַדיציאָנאַל איז ריכטיג נור בנוגע צו די אַגראַריער און צו זייערע פּיעלע אידעאָלאָגען. אמת, אז אט דער נאציאָנאליזם איז אויסערהאלב פון דער בעטרעפענדער נאציאָן אגגרעסיוו און איז דעם מיליטאריזם א טרייער פריינד. אמת, אז אינערהאלב פון דער נאַציאָן איז ער קאנסערוואַטיוו און אלס זיין הויפּט אויפגאַבע האלט ער די בעשיצונג פון אלע עקסיסטירענדע יסודות. אמת, אז די פאָרשטעהער פון אט דעם נאַציאָנאַליזם ערקלערען יעדע אונצופריעדענהייט פון די אונטערטעניגטע אלס אַנטינאַציאָנאַל, אלס א „פערראַט״. אמת, אז אט דער נאַציאָנאַליזם וויל פערגלעטען יעדען אונטערשיעד צווישען „אינערליכען״ און „אויסערליכען״ פיינד און מאכט דעם ערשטען פאר אַ שותף פון צווייטען אלס „קראַמאלניק״, „פערברעכער״ א. אַז. וו.

„נאַציאָנאַליזם" געפינען מיר אין פראַנקרייך. נאָכ'ן צאָהל פון די סקאַנדאַלען קען מען אַלע מאָל צעהלען די טעג, וועלכע עס איז נאָך געבליבען איהם צו לעבען.

---

## דער נאַציאָנאַליזם פון דער גרויסער בורזשואַזיע.

ווי מיר האָבען שוין איינינע מאָל גערעדט, ווייס ניט דער גרויסער קאַפּיטאַל פון קיין טראַדיציעס, מיר קענען שוין פאָראויס זאָגען, אַז אויב ער איז נאַציאָנאַליסטיש, איז זיין נאַציאָנאַליזם ווייט פון יעדען צוזאַמענהאַנג מיט טראַדיציעס. מיט דעם אינערליכען נאַציאָנאַלען מאַרק און מיט דער שפּראַך, דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וואָס געוועלטיגט אויפ'ן מאַרק איז מיט דער גרויסער קאַפּיטאַל שוואַך צונויפגעבונדען. דער גרויסער קאַפּיטאַל איז שוין לאַנג אריבער די ענגע גרענעצען פון דעם נאַציאָנאַלען מאַרק און שפּראַך, יעצט שפּרייזט ער מיט אַנ'אויפגעהויבענע קאָפּ איבער דעם גרויסען, ברייטען וועלט־מאַרק. ביי'ם אויסברענגען איהרע סחורות איז די גרויסע בורזשואַזיע ניט איינגעשלאָסען אין דער סביבה, וואו די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז פערשפּרייט, ווייל זי האָט ניט קיין דירעקטע בעציהונגען צום געברויכער. דער קונה רעדט ניט מיט'ן פאַבריקאַנט, נור מיט'ן קרעמער. דער פאַבריקאַנט איז אפילו ניט מחויב צו קענען קיין אנדערע שפּראַכען אויסער זיין מוטער־שפּראַך. ער האָט שוין קאָרעספּאָנדענטען מיט בוכהאַלטערס, וואָס ס'שרייבען זיך צונויף פאַר איהם מיט אויסלענדישע פירמעס.

נאָך שוואַכער ווי דער גרויס־אינדוסטריעלער איז צונויפגעבונדען מיט'ן אָרטיגען מאַרק דער פינאַנסיסט, דער געלד־קאַפּיטאַליסט, וועלכער לעגט ארויף זיין האַנד אויפ'ן גאַנצען גאַנג פון דער היינטיגער ווירטשאַפט. — די גרויסע בורזשואַזיע פיהרט אַלזאָ ניט קיין *אינערליכע* נאַציאָנאַלע פּאָליטיק — זי חלומ'ט פון דער אַלוועלטליכער מעכטיגקייט פון איהר נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, זי וואָלט וועלען אַרויסשטופּען פון וועלט־מאַרק אַלע „פרעמדע" קאַפּיטאַלען, כדי צו קריגען אַ גרעססערען ריוח. און דערצו ברויכט זי צו האָבען אַ גוטען פלאָט, אַ גוטע אַרמעע. פון אַזעלכע „ערעלע" זאַכען אָבער ווי „נאַציאָנאַל־קולטורעלע גייסט" א. אַז. וו. וויל זי זעהר זעלטען וויסען. איהר זענען פיעל ליעבער צום האַרצען שטיקעס, ש־אַפּנעלען אין פאַנצער־שיפען. די פראַגען פון דער שפּראַך, נאַציאָנאַלער ערציהונג אינטערעסירען איהר וועניג. איהר קימערט מעהר דער ביורזשעט פון אַרמעע און פלאָט. נור כדי צו האָבען די דעה אויף דעם, מוז מען האָבען די פּאָליטישע מאַכט. דער רעאַלער יסוד פון דער פּאָליטישער מאַכט איז, ווי ס'פערשטעהט זיך ממילא, די טעריטאָריע.

*פאַר'ן גרויסען קאַפּיטאַל פון די היינטיגע גרויסע מלוכות האָט די טעריטאָריע און איהרע גרענעצען*

דעם ווערט פון אַ שטיק=פונקט צו פערחאַפּען דעם וועלטמאַרק.

---

## דער נאַציאָנאַליזם פון דער מיטעל= און קליין=בורזשואַזיע.

יעצט געהט די מיטעלע און די קליינע בורזשואַזיע. פאַר איהר האָט שוין ניט די טעריטאָריע דעם ווערט פון אַ שטיק ערד, אַזוי ווי פאַר די אַגראַריער; פאַר איהר האָט די טעריטאָריע דעם ווערט פון אַ געברויכס=מאַרק. די גרענעצען פון אָט דעם מאַרק, פאַלען צונויף, נאַטירליך, מיט די גרענעצען, וואו עס ענדיגט זיך די הערשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. דער נאָהענטסטער קויפער מוז רייַדען אויף דער אייגענער שפּראַך, וואָס דער נאָהענטסטער פערקויפער. דערפון קומט אַרויס אַז דער מיטעלער בעל=הבית איז פעראינטערעסירט אין דעם, אַז אויף זיין שפּראַך זאָלען רייַדען וואָס מעהר מענשען. דער נאַציאָנאַליזם פון אָט דער בורזשואַזער גרופּע שעפּט זיין גאַנצע חיונה פון די אינטערעסען פון נאַציאָנאַלען מאַרק. — דעראיבער איז די מיטעל= און קליין=בורזשואַזיע די הויפּט=שטיצע, — נאַטירליך ניט די איינציגע — פון יענער פּאָליטיק, וואָס שטערט דער פרייַהייט פון פרעמדע שפּראַכען. דעם עצם פון דעם נאַציאָנאַליזם זעהט זי, אָט די דאָזיגע בורזשואַזיע, אין דער שפּראַך און אין אַלץ, וואָס עס איז צונויפגעבונדען מיט דער שפּראַך: די טראַדיציאָנעלע קולטור, די ערציהונג א. א. וו.

אַ מאָל טרעפט, אַז די גרויס=אַגראַריער פון אַ געוויסער הערשענדער נאַציאָן ווילען פערחאַפּען די ערד, אויף וועלכע ס'וואָהנט אַן אונטערדריקטעם פאָלק און זיי שטרעבען צוליעב דעם צו אַסימילירען די ערד. זיי טהוען דאַן אָן אויף זיך אַ מאַסקע פון קולטור=טרעגערייַ, דערשטיקען די שפּראַך פון דער נאַציאָן, וועלכע זיי ווילען אַסימילירען, זיי שטערען איהר ערציהונג. דער מיטעלער= און קליין=בורזשוי איז שטענדיג דער בעסטער שותּף פון די אַגראַריער אין דעם דאָזיגען טייַערן ענין, ער איז דער טרייַער „קעמפּפער" פאַר דער „קולטור=טרעגערישער" מיסיע. כּדי זיך צו איבערצייַגען אין דעם, איז גענוג זיך צודערמאָהנען אָן די פאַקטען פון דער אַסימילאַטאָרישער פּאָליטיק אין פּרייַסיש=שלעזיען.

די אידעאָלאָגען פון אָט דעם קלאַס בענוצען זיך מיט דער אייַגענער פּראַזעאָלאָגיע, וואָס די אַגראַריער. זיי האָבען נאָך אגב די אייַגענע מעלה, ווי די אַגראַריער: זיי פערנעהמען די מיטעלע פּאָזיציע צווישען די צוויי הויפּט=קלאַסען פון דער געזעלשאַפט און זיי האָבען אויך די שוואַכקייַט זיך אייַנצורעדען, אַז זיי שטעהען העכער ווי אַלע רייַסענישען צווישען די קלאַסען.

בעצם האָבען זיי נור שרעקליך מורא פאַר יעדע געזעלשאַפטליכע ערשיטערונג, ווייַל אין דעם ליגט פאַר זיי די סכנה צו געהן באַנקראָט, צו ווערען יורדים. זייער גאָט איז די אָרדנונג, זייער מלאך=המות איז דער בונט. זיי האַל=

טען זיך פעסט פאַר דאָס ביסעל אײַגענטום, וואָס איז נאָך איבערגעבליבען בײַ זײַ, און זײַ האַלטען אין איין ציטערן, טאָמער ווערט עס אויך צוגענומען, זײַ זענען דערום די שטיצע פון „אָרדנונג“ און „געזעצליכקײַט“, זײַ זענען גרײַט צו בעשיצען מיט פײַער יעדע עקסיסטירענדע אָרדנונג. — און בכלל זענען זײַ שטאַרק פעררוגז׳ט, ווי מענשען וואָס שטעהען אויפ׳ן וועג צו דער פעראָרמונג, און וואָס קענען ניט קעמפּפען פאַר זייער צוקונפט, וואָס קענען ניט קוקען איהר אָפען אין די אויגען.

און יעדע זאַך, וואָס איז וויפיל עס איז אונגעוועהנליך, פרעמד, דאַכטען זײַ זיך אָב אײַביגע בונטען, אינטריגעס, הינטער=פיסלעך. זײַער דונקעלער, קלײַנער שכל דערלאָזט ניט צו דערהויבען זיך איבער זײַער וואָכענדיגע בעל־בתישקײַט.

בײַ אַזעלכע בעדינגונגען האָבען די פערשיעדענע נאַציאָנאַליסטישע פאַראורטײַלען און אַבערגלויבעניסען געפונען אַ גוטען נעסט פאַר זיך. די אָדימע קאָפּ פון דעם קלײַן=בורזשוי איז אינגאַנצען פערנומען נור מיט „מיר“ און „זײַ“ „אײַגענע“ און „פרעמדע“. און אגב איז דאָך דאָס אַ קלאַס, וואָס זײַנע יחידים רײַסען זיך אייביג אַרום צוליעב דער קאָנקורענץ, און אײַנער דעם אַנדערען איז גרײַט צו דערטרינקען. קײַן אַלגעמײַנער פונקט, וואו זייערע קלאַסען=אינטערעסען זאָלען זיך צונויפקומען איז ניטאָ. פאַר אַ קלאַסען=בעוואוסטזיין איז בײַ זײַ קײַן אָרט ניטאָ — דעראיבער קומט בײַ זײַ ארויס מיט נאָך אַ גרעסערען כח דער נאַציאָנאַלער זעלבסט=בעוואוסטזיין.

די מיטעלע און קלײנע בורזשואַזיע, זענענדיג אינמיטעלבאַר פעראינטערעסירט צו בעשיצען זײַער אינערליכען מאַרק — האַלטען אונטער אונדירעקט די שאָוויניסטישע אינערליכע און אויסערליכע פּאָליטיק צו די אַגראַריער. קײַן זעלבסטשטענדיגע ראָליע שפּיעלט ניט אָט דער נעבעכדיגער נאַציאָנאַליזם, — און נאָכדעם ווי ער וועט פערלירען זיין שטאַרקען שותף, די אַגראַריער, וועט ער אָבשטאַרבען אינגאַנצען. וואָס שנעלער עס דעקלאַסירט זיך אָט די גרויסע בעלי=בתישע מאַסע, וואָס מעהר ס׳טיילען זיך אויס פון איהר אַ טייל אין פּראָלעטאַריאַט, די איבריגע אין די גרויס=בורזשואַזיע — אַלץ שנעלער שטאַרבט אָב דער טיפּ פון נאַציאָנאַליזם.

איינינגע גרופּען פון דער מיטעל= און קלײַן=בורזשואַזער אינטעליגענץ, וועלכע עס פערנעהמען זיך מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור: לעהרער, היסטאָריקער, אַנדערע שרײַבער, קינסטלער. זינגער — זענען נוטה צו אַ פריעדליכער פאָרם פון אַנ׳אָרענטליכען, אָנשטענדיגען „קולטורעלען“ נאַציאָנאַליזם. בײַ זײַ איז זעהר אָנגענומען די אַנערקענונג פון דעם זעלבסט=בעשטימונגס=רעכט פון יעטוועדער נאַציאָן. זײַ חלומ׳ען ניט צו פערניכטען אַלע אַנדערע פעלקער, זײַ ווילען קיינעם ניט אײַנשלינגען. אין דער אינערליכער פּאָליטיק זענען זײַ ליבעראַל, אָפטמאָל אפילו — ראַדיקאַל, דאָס אייגענע פּראַקטיקירען זײַ אין בעציהונג צו אַנדערע פעלקער אויך. נור פונדעסטוועגען ליעבען זײַ דאָך מעהר דאָס „אײַגענע“, ווי

דאָס „פּרעמרע״ — זײַ איז עָפּעס נאָהענט צום האַרצען די זכרונות פון דער „אײגענער קולטור״. זײַ האָבען ניט קײן נאַציאָנאַלע „גאוה״, — זײַ װײַסען אָבער אָבצוהיטען זײַער נאַציאָנאַלען כבוד.

די מעהר אינטעלעקטועל־ענטװיקעלטע און פּראָגרעסיװע לײקענען אפילו ניט אָב די קלאַסען־סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. זײַ אינטערעסירען זיך אָבער װעניג מיט איהר, װײַל זײַ ליעבען בכלל ניט קײַן קאַמפּף און קײַן רעש. בײַ זײַ זענען פערשטײַנערט געבליבען די ערשטע שטימונגען פון דעם בורזשואַזען נאַציאָנאַליזם פון דער פאַר־רעװאָלוציאָנערער צײַט. בײַ זײַ זענען געבליבען װי פערגליװערט די אַלטע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע טראַדיציעס.*)

* *
*

ביז יעצט האָבען מיר בעטראַכט דעם נאַציאָנאַליזם פון די הערשענדע קלאַסען. װי מיר האָבען געזעהען, איז ער פיעל־פאַרביג. עס איז, נאַטירליך, שװער שטרענג אָבצוגרענצען צװישען די נאַציאָנאַלע אידעאַלען פון די אַגראַריער, דער גרויסער בורזשואַזיע, דער מיטעלער און קלײנער בורזשואַזיע. װײַל מען קען עס אפילו אין עקאָנאָמישער הינזיכט אויך ניט אָבגרענעצען. ס׳זענען דאָ איבערגאַנגס־פאָרמען אָהן אַ צאָהל, װאָס דערנעהנטערן איין טיפּ נאַציאָנאַליזם צום אַנדערן, און פאַר דער ניט־געניטע אויג גיסט זיך עס צונויף אין איין גאַנצע זאַך. אָבער די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע לערנט אונז אומעטום צו אונטערשײדען צװישען די גרונד־שטריכען און די שאַטירונגען, אומעטום פונאַנדער־צוגלידערן דאָס, װאָס פאַר׳ן איבערפלעכליכען בליק גיסט זיך צונויף אין אײנעם.

---

## דער נאַציאָנאַליזם פון פּראָלעטאַריאַט.

מען דאַרף ניט נאָכגעהען נאָך דעם אַלגעמײן־פערשפרײטען טעות און מײנען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט כלומר׳שט ניט קײַן שײַכות צום נאַציאָנאַלען בעװיז, און דעריבער האָט ער ניט קײן נאַציאָנאַלע געפיהלען און אינטע־

---

*) װי מיר האָבען שוין אָנגעװיזען, רופט זיך אָן אָט דער טיפּ נאַציאָנאַליזם —„גײסטיגער״ נאַציאָנאַליזם. אָבער דאָס איז ניט דאָס אײגענע, װי דער כלומר׳שטי־גער „גײסטיגער״ נאַציאָנאַליזם פון די אַגראַריער. די אַגראַריער און די בעלי־הבית׳ישע מאַסע, װאָס שלעפּט זיך זיי נאָך, שיטען מיר הויכע פראַזען װעגען אלערלײ קול־טור־נאַציאָנאַלע פיקציעס, ניט בעטראַכטענדיג זײער אינהאַלט. אבער די קלײן־בור־זשואַזע אידעאָלאָגען טהוען פערקעהרט. זײַ גלױבען אפילו טיעף אין די דאָזיגע פיק־ציעס. נור דערפאַר אנאַליזירען זײַ עס נאַטירליך ניט קריטיש, נור דאָגמאַטיש— און זײַ בעשאַפען פערשיעדענע, משונה׳דיגע נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס.

רעסען. אויסערהאלב פון די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען געפינט זיך ניט קיין שום קלאַס פון דער געזעלשאַפט, און ממילא האָט שוין אַ געוויסען וויכטיגען ווערט אויך פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט דער צושטאנד פון אַט די בעדינגונגען. אויב די אלגעמיינע באַזע און רעזערוואואַר פון די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען, די טעריטאָריע, האָט פאַר די אַגראַריער דעם ווערט פון ערד-אייגענטום אין שטיין-פּונקט פאַר זייער פּאָליטישער מאַכט, פאַר דער בורזשואַזיע — דעם ווערט פון אַ שטיין-פּונקט צו פערחאַפּען דעם וועלט מאַרק, און פאַר די מיטעלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט — דעם ווערט פון אַ געברויכס-מאַרק; און אויב די בעשיצונגס-פאָרמען פון דעם נאציאָנאלען בעזיץ האָבען פאַר יעדען פון די דערמאָהנטע קלאַסען זייער ענטשפּרעכענדען ווערט — האָט שוין **די טעריטאָריע איהר ווערט אויך פאַר'ן פּראָלעטאריאט, דהיינו: דעם ווערט פון אַנ'ארבייטס-פּלאַץ**. די בעשיצונגס-פאָרמען האָבען אויך פאַר איהם זייער ענטשפּרעכענדען ווערט.

דער ארבייטער איז געצוואונגען שטענדיג צו אַרבייטען. די ארבייטסלאָזיגקייט איז פאַר איהם גאָר קיין אַנגענעהמענע זאַך ניט. מיר וועלען דאָ בעמערקען, אַז אפילו מארקס האָט אנערקענט דעם פאַקט פון קאָנקורענץ צווישען אַרבייטער, דהיינו, קאָנקורענץ איבער'ן ארבייטספּלאַץ. (פּאַראויסזעהענדיג, אז די אָפּאָנענטען וועלען זיך מאכען תמ'עוואַט, אזוי ווי זיי ווייסען גאָר ניט דערפון, וועלען מיר זיי געבען א עצה אויפמערקזאמער דורכצולעזען די לעצטע זייטען פון "Misere de la Philos phie„. — ביי גאנץ ווילדע ארבייטער דערגעהט עס ביז צו געשלעג צווישען שטעדטישע און אויסווערטיגע ארבייטער, אפילו פון איין לאַנד. ביי מעהר קילטורנע אַרבייטער זענען דאָ העכערע, פיינערע קאָנקורענץ געפיהלען. זיי וועלען זיך, נאַטירליך, ניט שלאָגען מיט אויסערווערטיגע ארבייטער; נור ווען ס'שווימען אָן פרעמדע עמיגראַנטען און שלאָגען אונטער דעם ארבייטסלוין — דאָס ריהרט שוין צופיעל אָן די אינטערעסען פון דעם סאַמע קולטורנעם ארבייטער. און ער קען שוין ניט בלייבען קאַלטבלוטיג.

מענשען, וואָס זייערע פעהיגקייטען צו דענקען, זענען שוין פון אנהויב ביז'ן סוף פערסמט דורך די פארטייאישע פלוידערייען, דורך דער וואולגאַרנער אגיטאַציע, וועלען אָנהייבען צו קלאָגען, אז מען איז דאָ מחלל זייערע הייליגסטע געבאָטען, ווען מען וועט זיי אָנווייזען אויף פאַקטען וועלכע ס'בעשטעטיגען אונזערע ווערטער. צי דארפען מיר דען האבען נאָך מעהר איבערצייגענדע בעווייזע, ווי צ. ב. דאָס, וואָס פּאָלמאַר'ס מינכענער צייטונג אַיילט זיך יעדעס מאָל צו מאַכען אַ ליאַרם, ווען ביירישע פריוואטע אָדער קאזאָינע אונטערנעהמער דינגען אָן איטאליענישע ארבייטער אנשטאָט דייטשע. און פּאָלמאַר שטעהט דאָך אָן דער שפּיץ פון א גרויסער פארטיי. אמת טאקע אז ער איז אַ רעוויזיאָניסט, אָבער למשל, אויפ'ן פארטיי-טאָג אין יענאַ איז ער א גאנץ אָנגענומענער „גענאָססע". — אָדער ווען מיר נעהמען די פּאָליטיק פון די אויסטראַלישע רעגירונגען אים בעציהונג צו אימיגראנטען. ס'איז, דאכט זיך, גענוג קלאָר, אז די

בעגרענצונגען פאר'ן אריינפאהר זענען ניט צוליעב די אינטערעסען פון קאפיטאל, נור צוליעב די אינטערעסען פון די ארבייטער.*)

מיר רעדען שוין ניט פון דער אויפפיהרונג פון אמעריקאנישען פראלעטא-ריאט אין בעציהונג צו די חינעזישע קולי: די שרייענדע פאקטען פון די פאג-ראמען אויף חינעזישע ארבייטער זענען דעם לעזער גענוג בעקאנט. — און צי זעהט מען דען ניט קלאר ארויס פון דעם, וואס די פארטייאישע טעארעטיקער זענען געצוואונגען אלץ מעהר צו פערנעהמען זיך מיט דער נאציאנאלער פראגע, אז דעם פראלעטאריאט איז אט די פערשאלטענע פראגע גאר ניט פרעמד. נור דער נעהנסטער פונקט וואו ס'קען אנריהרען דעם ארבייטער גיכער ווי אומעטום די נאציאנאלע פראגע — דאס איז די טעריטאריע, אלס ארבייטס-פלאץ.

ס'זענען דא נאך אנדערע ארבייטער-אינטערעסען, וועלכע ס'האבען א שייכות צו דעם — דאס זענען די קולטורעלע אינטערעסען פון דער שפראך,

---

*) דער ביישפיל פון אויסטראלישע רעגירונגען איז איבערציינגענדער און קלארער, אלס די פאליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג און פון די רעגירונגען פון פעראייניגטע שטאטען אין אמעריקא. אין אויסטראליע און ניי-זעלאנד האבען די ארבייטער א גרויסען איינפלוס אויף דער פאליטיק, אין ענגלאנד אבער און די פעראייניגטע שטאטען, כמעט ווי גאר ניט. — די ארבייטער אין די לעצטע צוויי לענדער זענען אפילו שטארק פעראינטערעסירט, אז דער איינפאהר פון די עמיגראנטען זאל בעגרענצט ווערען,—נור ווען די איבעריגע איינפלוסרייכע קלא-סען וואלטען אין דעם פאל ניט געשטיצט די ארבייטער—וואלטען זיי מיט זייערע אייגענע כחות ניט געקענט דורכפיהרען די עמיגראציאנס-געזעצען. עס זענען דאר-טען פעראינטערעסירט צו בעגרענצען דעם עמיגראנטען-אריינפאהר: א) די קליינע האנדעלסאינדוסטריעלע בורזשואזיע, ווייל א גרויסע טייל עמיגראנטען, וואס קרי-גען ניט צו פערדינען אין די ווערקשטאטען, זענען געצוואונגען צו נעהמען זיך פאר מסחר און האנדווערק און צו קאנקורירען מיט די דארטיגע קרעמער און בעלי-מלאכות ב) די גרויסע און מיטעלע אונטערנעהמער, וועלכע ס'ליידען די קאנקורענץ פון דער שוויצונגס-סיסטעם, ווייל דער גרעסטער טייל ארבייטער אין אט די ווערקשטאטען בעשטעהט פון אימיגראנטען; ווען ניט די עמיגראציע— וואלט ניט בעשאפען געווארען אט דער מין קאנקורענץ. ג) די ארבייטסלאזע און די אונגעזיכערטע פראסטע ארבייטער וואס ליידען שטארקער און נעהענטער, ווי אלע פון דעם אנשווימען פון די ארבייטסלאזע עמיגראנטען. — דאס וואס דער צוזאמענפאהר פון די טרעד-יוניאנען האט פראטעסטירט געגען עליענביל דערוויזט אונז גארניט, ווייל די טרעד-יוניאנען בעשטעהען עבען פון קוואליפי-צירטע און געזיכערטע ארבייטער. פון דער אלגעמיינער ארבייטער-בעפעלקערונג אין ענגלאנד — זענען זיי די קלענסטע טייל און די אינטערעסען פון א פריי-ווילעגירטע קופקעלע קען מען ניט צונויפמישען מיט די אינטערעסען פון דער גאנצער ארבייטער מאסע.

ערציהונג, ליטעראטור. דאס אלץ האט א ווערט פון א מיטעל צו ענטוויקלען דעם קלאסען-בעוואוסטזיין. — איהר אמת'ע שפּיז קריגט אבער די ענטוויקלונג פון קלאסען-בעוואוסטזיין ניט פון דער „קולטור", נור דורך די קאמפּפס-פּראָצעסען.

דער קאמפּף קען אבער פארקומען נור דארטען, וואו דער ארבייטער ארבייט, ד. ה. וואו ער האט שוין פערנומען א געוויסען פלאץ; און וואס מעהר שוואך עס איז זיין לאגע אויף דעם פלאץ, אלץ ווענינער באדען האט ער פאר זיין פלאנמעסיגען קאמפּף. כל זמן דער ארבייטער האט ניט פערנומען קיין פלאץ — קען ער קיין קאמפּף ניט פיהרען. עס ליגט אלזא אין זיינע דירעקטע אינטערעסען דעם פלאץ זיינעם אבצוהיטען.

פון וועלכער זייט מיר זאלען ניט צוגעהן צו דער נאציאנאלער פראגע, כדי צו בעטראכטען ווי אזוי עקסיסטירט זי פאר'ן פראלעטאריאט, איז ווען מיר זאלען אפילו תחילת צוקומען נור צו די קולטורעלע בעדערפניסע — וועלען מיר אלע מאל צוקומען ווייטער צום מאטעריעלען יסוד, ד. ה. צו דער פראגע פון דעם ארבייטס-און קאמפּפס פלאץ (סטראטעגישע באזע, וואס ס'שטעלט מיט זיך פאר די טעריטאריע פאר'ן פראלעטאריאט.*)

אזוי ווי אלע נאציאנאלע אינטערעסען פון פראלעטאריאט האבען א שייכות צו דער טעריטאריע ניט מעהר ווי אלס צו זיין ארבייטס- און קאמפּפספלאץ — קען בעצייכענט ווערען דער נאציאנאליזם פון פראלעטאריאט אלס לאקאליזם.

* *

*

די ארבייטספראגע האט ניט נור קיין ריין-קלאסאווען ווערט, נור אויך א נאציאנאלען: דער ענגלישער ארבייטער מיז בעשטעהן זיין פלאץ ניט נעגען די שטרעבונג פון קאפּיטאליסט, נור נעגען דעם געקומענעם ארבייטער. כל זמן, אלזא, וואס דער נאציאנאלער ארבייטספלאץ איז ניט געזיכערט, וועגט די נאציאנאלע פראגע אריבער די ריין ארבייטער פראגע. כל זמן די ארבייטער פון דער בעטרעפענדער נאציאן האבען נאך ניט געזיכערט זייער פלאץ — אזוי לאנג

---

*) ס'איז כלל ניט אין מאטעריאליסטישען גייסט דאס, וואס די בונדאווצעס איגנארירען אט דעם מאטעריעלען יסוד פון דער פראלעטארישער נאציאנאלער פראגע, און זיין גאנצער תכן בעשטעהט פאר זיי נור אין דער קולטור, אלס א מיטעל צו ענטוויקלען דעם קלאסענבעוואוסטזיין.—אבער צו זארגען וועגען קאמפּף ניט נעהעמענדיג אין בעטראכט די בעדינגונגען פון דעם קאמפּף און ארבייטס-פלאץ—דאס איז א שטות. אלענפאלס דארף דער היסטארישער מאטעריאליסט אויפזובען דעם רעאלען אינהאלט פון א געזעלשאפטליכער פראגע ניט אין דער קולטור,—און אין דעם בעשטעהט דער הויפּט פעהלער פון בונדיזם; דאס דיענט אלס קלארער סימן פון זיין ניט אויסגעהאלטענקייט.

האָט פאַר זײ די אַרבײַטספראַגע א מעהר ברענענדען וועׂרט, ווי די קאַמפּפספראַגע.

דערפון קומט אַרויס: ערשטענס, דאָס, אז די זיך פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען, וואָס זוכען ערשט אַרבײַט — זענען בכלל ניט פעהיג מקבל צו זיין דאָס קלאַסענבעוואוסטזײַן און זענען געשטימט נור נאַציאָנאַליסטיש, צווייטענס, אז אפילו ביים קולטורנעם פּראָלעטאַריאַט ווערט דער קלאַסענבעוואוסטזיין שטאַרק פערדונקעלט דורך דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין אין די פאַלען, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז גענויטיגט צו בעשיצען זײַן נאַציאָנאַלען אַרבײַטס־פּלאַץ. די שטענדיגע אימיגראַציע פון פרעמדע אַרבײַטער אין ענגלאַנד און די פעראײַניגטע שטאַטען אין אמעריקא, און די סכנה וואָס ליגט אין דעם פאַר דעם ענגלישען און אמעריקאַנישען אַרבײַטספּלאַץ, פערשאַרפען שטאַרק דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזײַן פון די דאָרטיגע אַרבײַטער, און שטערען דורך דעם די ענטוויקלונג פון זייער קלאַסענבעוואוסטזײַן. דאָס איז איינס פון די הויפּטאורזאַכען פון דעם, וואָס די אַרבײַטער בעוועגונג איז נאָך דאָרטען ניט אַרויסגעגאַנגען פון די טרעד־יוניאָניסטישע ראַמען.

די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטישע דאָגמאַטיקער האָבען ביז יעצט ניט געקענט ערקלערען דעם וואונדערליכען פאַקט, וואָס דער ענגלישער און אמעריקאַנישער פּראָלעטאַריאַט איז אזוי אָבגעשטאַנען. און דער פאַקט שטעהט זײ טאַקע ווי א ביין אין האַלז. — נור די מעשה איז, וואָס דער דאָזיגער פאַקט איז מיט די *פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען* ניט צונויפגעבונדען. און דעריבער בלײַבט ער פאַר זײ אונערקלערט. — כדי דעם פאַקט צו ערקלערען, מוז מען זיך נעהמען אַנאַליזירען די *בעדינגונגען* פון דעם ענגלישען און אמעריקאַנישען פּראָדוקציאָנס־לעבען. טיעפער און אויפריכטיגער מוז מען זיך פערהאַלטען צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, מען דאַרף זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָבזאָגען פון אַלע וואולגאַרנע פאָראורטיילען. און מען דאַרף אַלזאָ פערשטעהן, אז דער קלאַסען־בעוואוסטזיין קען זיך ניט נאָרמאַל ענטוויקלען דאָרטען, וואו די נאַציאָנאַלע פראַגע איז נאָך ניט געלעזט, און וועלכער פאָרם זי זאָל ניט עקסיסטירען.

די פאָרשער, וועלכע ס'איגנאָרירען די ראָליע פון די *פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען*, וואָס פערנעהמען זיך אויסשליסליך מיט *פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען* זענען ניט אים שטאַנד צו פערשטעהן די נאַציאָנאַלע פראַגע. אַלס א סוד, וועלכען מען קען ניט פּותר זיין, מיז בלייבען פאַר זײ דער פאָלגענדער ווידערשפּרוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט: פון איין זײַט טרעט זי אַרויס די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט: אַלס א אינטערנאַציאָנאַלע, זי צושטערט אַלע אָבגרענצונגען פון שטאַנדען און פעלקער, זי האַקט אונטער אַלע טראַדיציעס. פון דער אַנדער זײַט פערשאַרפט זי אַליין דעם נאַציאָנאַלען קאַמפּף און פערשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלען זעלבסט־בעוואוסטזיין. ווי אַזוי איז עס מעגליך, אַז אין איין צייט מיט דעם ווי די געזעלשאַפטען ווערען

עקאָנאָמיש דערנעהנטערט איינע צו די אַנדערע און זייער פערהעלטניסמעסיגע אָבגעשלאָסענקייט פאַלט זיך פאַנאַנדער—זאָל פערשאַרפט ווערען די נאַציאָנאַלע פראַגע און זאָלען ענטוויקעלט ווערען די נאַציאָנאַלע בעוועגונגען? דאָס איז אַזאַ פראַגע, ווען דער היסטאָרישער מאַטעריאַליסט פערענטפערט איהר ניט, מוז ער זיך דרעהן אין אַ פלאָנטער פון ווידערשפריכע.

קאַוטסקי האָט שוין עטליכע מאָל געפּרובט פערענטפערן די פּראָבלעמע, נור דערביי האָט ער שטענדיג בוגד געווען אין זיין מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויאונג. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז אין אַ רייהע אַרטיקלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען איבער די נאַציאָנאַלע פראַגע, דערנעהנטערט זיך קאַוטסקי פּאַמעליך צו דער טעאָריע, וועלכע מיר ענטוויקלען דאָ. און אָט לויט דער טעאָריע נאָך איז די תשובה אויף די אויבענגעבראַכטע רעטעניש גאַנץ קלאָר. ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט, אַז די מענשהייט איז פערטיילט אויף גרופען, וואָס וואָהנען אין פערשיעדענע פערהעלטניסמעסיג-אָבגעשלאָסענע קבוצים פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען—וועלען מיר פערשטעהן, אַז די שטרעבונג גופא פונ'ם קאַפּיטאַל, דאַנק זיין אימאַנענטער ענטוויקלונג, זיך צו פערברייטערן—מוז ברענגען צו אַ רייבונג צווישען די פערהעלטניסמעסיג-אָבגעשלאָסענע גרופען. איין זייט פון דעם אויבענערקלערטען ווידערשפּרוך איז די אורזאַכע, די אַנדערע—די פאָלגע. דאָס איז איינס פון יענע ווידערשפּריכע, מיט וועלכע די היינטיגע ווירטשאַפט איז אַזוי איבערפילט.

* *
*

מיר האָבען ערקלערט, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע און אויך די פערוואַנדלונג פון די פעלקער און נאַציאָנען איז אַ רעזולטאַט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן. פון דעם קען מען אייגענטליך קומען צום בעשלוס, אַז דער נאַציאָנאַלער קאַמף דאַרף פערשווונדען ווערען צוזאַמען מיט'ן קלאַסען-קאַמף. נור אַזאַ מין בעשלוס וואָלט אַ זעהר פריה-צייטיגער געווען.

פאַר נאָך מעהר ריזיקאַליש און פריה-צייטיג מוז יעדער ערנסטער פאָרשער האַלטען די מיינונג, וואָס זאָגט, אַז אין איין צייט מיט די קלאַסען-אונטערשיעדע וועלען פערניכטעט ווערען אויך די נאַציאָנאַלע אונטערשידע, מיר ווילען זיך ניט אָבשטעלען אויף דער פראַגע, ווייל מיר האַלטען עס יעצט פאַר אַנ'אומזיסטע זאַך. אגב איז די פראַגע העכסט אונבעשטימט און קיין פעסטע תשובה קען יעצט אויף איהר ניט געגעבען ווערען.— פאַר אונז איז די נאַציאָנאַלע פראַגע אַנ'אויפגאַבע פאַר היינטיגען טאָג, און וואָס וועט זיין אין הונדערטער יאָהרען שפּעטער, צו וועלען די נאַציאָנען זיך ערהאַלטען, אָדער זיי וועלען זיך צונויפגיסען איינע מוט די אַנדערע—דאָס קענען מיר ניט פאָראויס זאָגען, די פראַגע קען מען היינט ניט פּותר זיין.

מיר האבען אלזא אנגעוויזען די איינפאכסטע קלאסען-מאמענטען פון דער נאציאנאלער פראגע. יעצט וועלען מיר זיך פריבען אנצייכנען איהר אלגעמיינעם בילד אין עטליכע גרונד-שטריכען.

---

# ר ע ז י ו מ ע.

אין פערלויף פון דער פעאדאלער עפאכע האבען זיך די מענשליכע גרופען, קעמפפענדיג פאר זייער עקסיסטענץ, אין פערשיעדענע פערהעלטניסמעסיג-אבגעשלאסענע קבוצים (געמיינשאפטען) פראדוקציאנס-בעדינגונגען, אויסגעארבייט אלס פערשיעדענע פ ע ל ק ע ר. די פיזיאנאמיע פון יעדעם פאלק און זיין חאראקטער האבען פערהעלטניסמעסיג-בעשטימטע שטריכען.

נור אין שויס פון דער פעאדאלער ווירטשאפט האט זיך ענטוויקעלט דער קאפיטאליזם, און צוליעב זיין ענטוויקלונג איז ארויסגעקומען אין פראדוקציאנס-לעבען א דאפעלער מאטעריעלער ווירטשאפטליך-עקאנאמישער ווידערשפרוך פון איין זייט האבען אויפגעהערט די פראדוקטיוו-קרעפטען, צוליעב דער העכערער מדרגה פון זייער ענטוויקלונג, צוגעפאסט צו זיין צו די פערגליווערטע פעאדאלע פ ר א ד ו ק צ י א נ ס-ב ע צ י ה ו נ ג ע ן; פון דער אנדער זייט האבען זיך מעהר ניט געפאסט די זיך-קאפיטאליזירענדע פראדוקטיוו-קרעפטען מיט דער פערגליווערטער סיסטעם פון ד י פ ר א ד ו ק צ י א נ ס-ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן. דען די פעאדאלע ארדנונג האט צוברעקעלט די פעלקער און זייערע טעריטאריעס דורך אונצעהליגע מחיצות פון דער פאנשציזנע, ויעלכע ס׳האבען שרעקליך געשטערט דעם קאפיטאליזם אין זיין ענטוויקלונג.

בכלל, יעדער ווידערשפרוך צווישען די פ ר א ד ו ק ט י ו ו-ק ר ע פ ט ע ן און די פ ר א ד ו ק צ י א נ ס-ב ע צ י ה ו נ ג ע ן רופט ארויס די ס א צ י א ל ע פראגען און ווערט געלעזט (גערעשעט) דורך די בעפרייאונג פון דעם אונטערדריקטען ק ל א ס. דער ווידערשפרוך פון דעם מין, וועלכער ס׳איז ענטשטאנען בײ׳ם אנהויב ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם, האט זיך מעהר ווי אלעמען געלאזט פיהלען פאר דער בורזשואזיע, דעם דריטען שטאנד — און זי, די בורזשואזיע, האט טאקע גענומען אויף זיך די איניציאטיווע צו פערניכטען איהם. דערגרייכט געווארען איז איהר ציעל דורך דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

יעדער ווידערשפרוך פון צווייטען מין, ד. ה. דער, וועלכער ס׳קומט ארויס צווישען ד י פ ר א ד ו ק ט י ו ו-ק ר ע פ ט ע ן, בעת זיי שטרעבען צו ענטוויקלען זיך, און די פ ר א ד ו ק צ י א נ ס-ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן, וועלכע ס׳שטערען דער דאזיגער ענטוויקלונג — רופט ארויס די נ א צ י א נ א ל ע פראגע און ווערט געלעזט נור דורך דער בעפרייאונג פון דער אונטערדריקטער נ א צ י א ן. אט דער מין ווידערשפרוך, וועלכער ס׳איז ענטשטאנען בײ׳ם אנהויב ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם האט זיך געלאזט פיהלען פאר אלע אונטערדריקטע קלאסען פון דער דאמאלסטיגער געזעלשאפט. דאנק דעם, האבען אלע אונטערדריקטע

קלאַסען אין דער צײַט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — געפיהלט זיך אַלס איין נאַציאָן, וועלכע ס'ווערט אונטערדריקט פון די „אויבערשטע" שיכטען. עס האָט זיך אויסגעאַרבײַט די מײַנונג, אַז עס איז כלומר'שט פאַרהאַן אַן'אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע האַרמאָני'ע אין די אינטערעסען; און נור די הערשענדע קלאַסען פון יענער צײַט זענען אויסגעשלאָסען געווען פון דער דאָזיגער כלומר'שט־דיגער האַרמאָניע. דאַמאָלסט האָט זיך בעוויזען *דער נאַציאָנאַליזם* אין היינטיגען זין פון וואָרט.

אַלזאָ, די ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט האָט געשאַפען דעם יסוד, אויף וועלבען ס'האָט זיך אויסגעאַרבײַט דאָס פערוואַנדשאַפטס־בעוואוסטזיין אויפ'ן באָדען פון דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישען עבר, ד. ה. אויפ'ן באָדען פון די אַלגעמיינע בעדינגונגען פון פּראָדוקציאָנס־לעבען, — קורץ גערעדט: דער נאַציאָנאַליזם. די ענטוויקלונג האָט פערוואַנדעלט די פריהערדיגע *פעלקער* אין די מאָדערנע *נאַציאָנען*.

דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך אַלזאָ תחילת אַרויסגעוויזען ניט אין דער אויסערליבער פּאָליטיק פון די הערשענדע קלאַסען, נור אין דער אינערליכער פּאָליטיק פון די געדריקטע קלאַסען. ערשט שפּעטער איז דער נאַציאָנאַליזם אין היינטיגען זין פון וואָרט אריבערגעטראָגען געוואָרען אין די אויסערליבע פּאָליטיק, — דענסטמאָל ווען ס'איז אַרויסגעקומען די נאַציאָנאַלע פראַגע.

גלײַך נאָכדעם ווי דער אויסגעוואַקסענער קאַפּיטאַל האָט בעזיגט די פּאַנשציזנע, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די פערברייטערונג פון זיינע פּראָדוקטיוו־קרעפטען ווערט געשטערט ניט נור צוליעב דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען *אינערהאַלב* פון די פערהעלטניסמעסיג־אָבגעשלאָסענע געזעלשאַפטען, — נור צוליעב די פערהעלטניסמעסיגע אָבגעשלאָסענקייט גופא פון די פערשיעדענע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען. יעדע געזעלשאַפט, שטרעבענדיג נאַטירליבערווײַזער צו פערברייטערן די ספערע פון איהר פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען, שטויסט זיך אָן אויף די שכנות'ע געזעלשאַפטען, וועלכע ס'גיבען איהר אַ ווידערשטאַנד. די ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט שטעלט אַלזאָ אַרויף אויף דער טאַגעסאָרדנונג די *נאַציאָנאַלע פראַגע* אין היינטיגען זין פון וואָרט.

דער שורש פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ליגט אין דער געגענזײַטיגער צוזאַמענשטויסונג פון די פערהעלטניסמעסיג אָבגעשלאָסענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען. די נאַציאָנאַלע פראַגע דריקט זיך אויס אין די ערשײַנונגען פון דער *נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ*.

די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ קומט אַרויס ניט צוליעב וועלכע ס'איז רשעות'־דיגע, עגאָאיסטישע פּניות פון די הערשענדע קלאַסען. די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטען, ענטוויקלענדיג זיך, האָבען אומבעדינגט די שטרעבונג זיך צופערברייטערען.

אויפ'ן באָדען פון אָט דער קאָנקורענץ ווערען געשאַפען בײַ די מענשען,

וועלכע ס'זענען פֿעראינטערעסירט אין דעם, געוויסע געפֿיהלען, עמאָציאָנען און ווײַל זייער שורש ליגט טיעף אין עקאָנאָמישען לעבען. דאַכט זיך אָב אין פֿלוג די מענשען, וואָס ס'זענען דורכגעדרונגען מיט אָט די געפֿיהלען, אַז זיי, די געפֿיהלען, זענען פֿרײַ פֿון יעדען צוזאַמענהאַנג מיט'ן מאַטעריעלען לעבען. מען זעהט ניט דעם טיעפֿען עקאָנאָמישען יסוד פֿון דיזע געפֿיהלען, און מען פֿערלירט די מעגליכקײַט זיי צו מאָטיווירען. עס דוכט זיך אָב, אַז דאָס זענען הייליגע, ערהאַבענע געפֿיהלען, ווייט פֿון יעדען „מאַטעריאַליזם“.

אויף אָט דעם באָדען וואַקסען אויס און צווײַגען זיך פֿאַנאַנדער משונה'דיגע פֿערוויקעלטע נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס, וואָס צוליעב דעם פּרינציפּיעלען אַנטאַגאָניזם, וועלכעס עס עקזיסטירט צווישען דעם קלאַסען־בעוואוסטזײַן און דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזײַן — זענען זיי נוטה צו פֿערדונקלען דעם לעצטען און איהם טעמפּ צו מאַכען. —

די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿט האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די *נאַציאָנאַלע פֿראַגע* ניט נור פֿאַר דער בורזשואַזיע אַליין, נור *פֿאַר אַלע קלאַסען פֿון דער געזעלשאַפֿט*, ווײַל אַלע זענען זיי פֿערמישט אויף דעם אָדער יענעם אופֿן אין דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. פֿאַר אַלעמען האָט דאָך אַ געוויסען ווערט די אָדער יענע זײַט פֿון דער טעריטאָריע, אַלס באַזע פֿון די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען.

בײַ *פֿרײַע* פֿעלקער, וואָס אונטערדריקען ניט קיינעם און ווערען פֿון קיינעם ניט אונטערדריקט, געפֿינט זיך דער נאַציאָנאַליזם אין אַ צושטאַנד פֿון אַ פּאָטענציעלער (אײַנגעהאַלטענער) ענערגיע. נור בײַ דער ערשטער מעגליכקײַט געהט די ענערגיע אריבער אין אַ קינעטישען, ווירקענדען צושטאַנד. גיכער פֿאַר אַלעמען פֿערלירען זייער גלײַכגעוויכט *די הערשענדע קלאַסען*. זיי האָבען שטענדיג — און עס קען גאָר אַנדערש ניט זײַן — די נייגונג צו פֿערהאַפּען דעם וועלטמאַרק אָדער צו פֿערברייטערן דעם אינערליכען געבּרויכס־מאַרק. אין אַזעלכע מאָמענטען, ווען די גלײַכגעוויכט ווערט צושטערט, ברענען זיך פֿאַנאַנדער די נאַציאָנאַליסטישע געפֿיהלען, וואָס האָבען ביז אַהער רוהיג, שטיל געפֿלעמעלט — אין אַ גרויסען פֿלאַם פֿײַער. ווען דער נאַציאָנאַליזם שטאַמט אַרויס פֿון דער שטרעבונג צו פֿערברייטערן דעם אײַגענעם מאַרק, נעהמט ער אָן אַן אַגגרעסיווען, בעוואוסטזיניג־קאָמפּפֿערישען כאַראַקטער. אַלס מיטעל דיענט די עראָבערונגס־פּאָליטיק און די אַסימילאַציע דורך געוואַלד.

די שטרעבונג פֿון פּראָלעטאַריאַט ברייטער צו מאַכען זיין אַרבייטסמאַרק און אַרבייטס־פּלאַץ קען זיך אָבער ניט אויסדריקען אין אַן עראָבערונגס־פּאָליטיק. דער פּראָלעטאַריאַט און די זיך פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען האָבען ניט, ווי עס איז בעוואוסט, קיין דירעקטען אײַנפֿלוס אויף די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק. דער אײַנציגער מיטעל צו פֿערברייטערן דעם אַרבייטס־פּלאַץ — דאָס איז די פֿריעדליכע עמיגראַציע אין פֿרעמדע לענדער.

די אימיגרירענדע מאַסען אָבער, וועלכע ס'וואַנדערן אַרום איבער דער

וועלט זוכענדיג ארבייט — פיהרען ניט אריין קיין נאציאָנאלע פּאָליטיק. דער וואנדערנדער ארבייטער, וואס ווערט ארויסגעשטופּט פון זיין ספערע פּראָדוקציאָנס בעדינגונגען פיהלט ניט קיין טיעפען צובונד צו זיין היים. און ווען ניט קיי־זייטיגע אומשטענדען, ווען ניט טראדיציעס פון דער ערציהונג, אָדער די קרובות־שאפט מיט די וואס זענען געבליבען אין דער היים, וואָלטען זיך ביים עמיגרירענדען ארבייטער ניט ארויסגעוויזען אפילו יענע שוואכע סימנים פון צובונד צום פאָטערלאנד, וועלכע ס'רופען זיך נאָך אָב אמאָהל ביי איהם.

אנדערש איז אָבער מיט דעם פּראָלעטאריאט פון די לענדער, וואוהין די עמיגראנטען וואנדערן. דאָ זעהט מען שוין א שטרעבונג צו פערהאלטען פאר זיך דעם ארבייטס־פּלאץ און צוזאמען מיט דעם ווערט פערשארפט דער נאציאָנאלער זעלבסט־בעוואוסטזיין. ביים פּראָלעטאריאט פון א פרייער נאציאָן נעהמט עס אָן דעם שארף־אויסגעדריקטען קעמפּפערישען, זיך־בעשיצענדען כאראקטער פון אנטיאליעניזם. — און נאָך א גרעסערער מאָס ווייזט זיך דאָס איינגענע ארויס אין דער אויפפיהרונג און שטימונג פון די דאָרטיגע זיך פּראָלעטאריזירענדע מאסען. ווייל זיי זענען נאָך מעהר ווי דער פּראָלעטאריאט פעראינטערעסירט אין דעם, אז זייער נאציאָנאלער ארבייטס־פּלאץ זאָל ניט אָנגעריהרט ווערען.

מיר זעהען אלזאָ ערשטענס, אז פאר דעם פּראָלעטאריאט גיסט זיך בעצם צונויף די נאציאָנאלע פראגע מיט דער עמי־און אימיגראציאָנספראגע,—און דעם ווייזט זיך ארויס דער לאָקאליסטישער כאראקטער פון פּראָלעטארישען נאציאָנאליזם. צווייטענס זעהן מיר אז ביי פרייע פעלקער, וואָס ווערען פון קיינעם ניט אונטערדריקט, האָט דער נאציאָנאליזם זעהר פיעלארטיגע פאָרמען, ווייל שטענדיג הענגט עס אָב פון דעם, ווער ס'ווייזט ארויס דעם נאציאָנאליזם, די הערשענדע קלאסען אָדער די אונטערדריקטע.

* *

*

אין א פיעל מעהר איינארטיגער בעלייכטונג קומט ארויס דער נאציאָנאליזם ביי אונטערדריקטע פעלקער. זיי, די אונטערדריקטע פעלקער געפינען זיך שטענדיג ביי זייער פּראָדוקציאָנסלעבען אין אוננאָרמאלע בעדינגונגען. אוננאָרמאל זענען די פּראָדוקציאָנסבעדינגונגען, אזוי ווי מיר האָבען איבען געזאָגט —אין דעם פאל, ווען עס פעהלען, אָדער עס זענען געקירצט די טעריטאָריע און איהרע בעשיצונגספאָרמען: די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, די פרייהייט פון דער שפּראך און פון דער קולטורעלער ענטוויקלונג. אזעלכע אוננאָרמאלע בעדינגונגען מאכען פאר די מיטגלידער פון דער נאציאָן זייערע אינטערעסען הארמאָניש. אדאנק דער אויסערליכער דריקונג, וואָס שטערט און דעזאָרגאניזירט דעם איינפלוס פון די פּראָדוקציאָנסבעדינגונגען—ווערען די פּראָדוקציאָנסבעדינגונגען און דער קלאסען־קאמפּף גופא געשטערט אין זייער ענטוויקלונג, ווייל עס ווערט געשטערט דער ריכטיגער נאנג פונ'עם פּראָדוקציאָנס אופן. די

די קלאַסען־אַנטאַגאָניזמען ווערען אונגאָרמאַל פערטעמפּט, און די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט בעקומט אַלץ אַ גרעסערן כוח.

אַחוץ וואָס די בעזונדערע אינטערעסען פון יעדען איינצעלנעם קלאַס ווערען געשטערט דורך דעם אויסערליכען דרוק, אַחוץ וואָס די ב ו ר ז ש אַ ז י ע ווערט געדריקט אויפ׳ן מ אַ ר ק און דעם פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט פעהלט די פּריוואַט צו בעהערשען זיין פּ ל אַ ץ — לאָזט זיך דער דרוק פיהלען פאַר אַלע יחידים פון דער נאַציאָן, און אַלע פיהלען זיי און פערשטעהען, אַז דער דרוק איז אַ נאַציאָנאַלער — ער שטאַממט פון אַ פרעמדער נאַציאָן און איז געווענדעט געגען זייער נאַציאָנאַליטעט אַלס אַזעלכע. די שפּראַך צ, ב. קריגט יעצט אַ גאַנץ העכערן ווערט ווי דער ווערט פון אַנ׳איינפאַכען מיטעל צו בעשיצען דעם מאַרק. ווען די פּריוואַט פון דער שפּראַך ווערט געשטערט, ווערט דער אונטערדריקטער אַלץ שטאַרקער צוגעבונדען צו איהר. קורץ, פאַר אַנ׳אונטערדריקטעס פאָלק ווערט זיין נאַציאָנאַלע פראַגע שטאַרק אָבגעריסען פון דעם צוזאַמענהאַנג וואָס זי האָט מיט איהר יסוד, מיט די מאַטעריעלע בעדינגונגען פון דעם פּראָדוקציאָנסלעבען. די קולטורעלע בעדערפניסען ערוועקען אַ זעלבסשטענדיגען ווערט און די אַלע מיטגליעדער פון דער נאַציאָן זענען פעראינטערעסירט אין דער פּ ר ײַ ה ײַ ט פ ו ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ז ע ל ב ס ט ב ע ש ט י מ ו נ ג.

נור בעת דעם קאַמפּף פאַר דער נאַציאָנאַלער בעפרײַהונג ווײַזט זיך אַרויס די קלאַסען־סטרוקטור און די קלאַסען־פּסיכיק. די גרופּען פון אַנ׳אונטערדריקטעס פאָלק, וועלכע ס׳זענען בכלל צונויפגעבונדען מיט טראַדיציעס, — דאָס ענען די מיטעל־און קליין־בורזשואַזנע שיכטען, מעהרער פון אַלעמען די „גייסטליכען" און די אַגראַריער. די מתעסקים אין דער נאַציאָנאַלער ערציהונג און נאַציאָנאַלער ליטעראַטור: לעהרער, שרײַבער — פאַרבען אָב זייער טראַדיציאָניזם אויך אין אַ נאַציאָנאַלען פאַרב. — די הויפּט־מאַכערם אָבער בײַ דער נאַציאָנאַלער בעפרײַהונג זענען תמיד די פּראָגרעסיווע שיכטען פון פאָלק און פון דער אינטעליגענץ. ווען אָט די שיכטען זענען גענוג הויך ענטוויקעלט, ווען זיי אַלײַן האָבען זיך שוין בעפרײַט פון די ענגע רעמלעך פון טראַדיציאָניזם — קריגט זייער נאַציאָנאַליזם אויך אַ ריינעם, ר ע אַ ל ע ן, חאַראַקטער. בעצם איז דער בעפרײַאונגס־פּראָצעס ניט נאַציאָנאַליסטיש, נור נאַציאָנאַל. און בײַ די פּראָגרעסיווע עלעמענטען פון אַנ׳אונטערדריקטער נאַציאָן ענטוויקעלט זיך דער ר ע־ אַ ל ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם: ער חלומ׳ט ניט וועגען דער ערהאַלטונג פון די טראַדיציעס, ער איז זיי ניט מגזם, ער נאַרט זיך ניט אָב מיט דער כלומר׳שטדיגער איינינקייט פון דער נאַציאָן, ער פערשטעהט קלאָר די קלאַסען־סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, און קיינעמס רעאַלע אינטערעסען פערטושט ער ניט. זײַן ציעל אין דער רעאַלע בעפרײַהונג פון דער נאַציאָן, די נאָרמאַליזירונג פון איהרע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען און בעציהונגען.

ד ע ר ר ע אַ ל ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם — ד אָ ס א י ז ע ב ע ן ד ע ר ט י פּ, װ ע ל כ ע ר ע ס פ ע ר ד ו נ ק ע ל ט נ י ט ד ע ם ק ל אַ ס ע ן־

בעוואוסטזיין. ער טרעפט זיך נור ביי די פראגרעסי־ זיוע עלעמענטען פון די אונטערדריקטע נאציאנען. ביי׳ם פראגרעסיווסטען קלאס, ביי׳ם ארגאניזירטען, רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט פון אנ׳אונטערדריקטער נאציאן, דריקט זיך אוים זיין רעאלער נאציאנאליזם אין די שטרענג, און קלאר פארמולירטע פארערונגען, וועלכע ער שטעלט ארויס אין זיין פראגראם־מינימום, וואס האבען דעם קלאר־אנגעוויזענעם ציעל, צו ברענגען, דורך דאס אויעקשטעלען די נאציאן אין נארמאלע פראדוקציאנס־בעדינגונגען— צו אנארמאלען ארבייטס־און קאמפפס־פלאץ פאר׳ן פראלעטאריאט.

ווען דאס ציעל ווערט ערייכט, איז די אויפגאבע פון רעאלען נאציאנא־ ליזם ערפיהלט. אויפ׳ן ארט פון דער פריהערדיגער סאלידאריטעט פון די נאצי־ אנאלע אינטערעסען בשעת געוויסע בעפרייהונגס־פראצעסען—א סאלידאריטעט א געצוואונגענע און א אוננארמאלע—טרעט ארויס אויף דאס ניי אין א העלער פארם א געזונדע קלאסען־סטרוקטור און א געזונדטער קלאסען־קאמפף.

# אינהאלטס-פערצייכניס


| | | |
|---|---|---|
| די צוויזייטיגע פערטיילונג פון דער מענשהייט . . . | זייטע | 3 |
| די מענשהייט איז פערטיילט אויף געזעלשאפטען . . . | „ | 4 |
| פראָדוקציאָנס־בעדינגונגען . . . . . . . . . | „ | 4 |
| דער נאציאָנאלער קאמפף . . . . . . . . . | „ | 8 |
| פעלקער און נאציאָן . . . . . . . . . . | „ | 10 |
| נאציאָנאליזם . . . . . . . . . . . . | „ | 12 |
| נאציאָנאליזם און טעריטאָריע . . . . . . . . | „ | 13 |
| די ענטשטעהונג פון נאציאָנאליזם . . . . . . . | „ | 14 |
| נאָציאָנאליזם און קלאסען־בעוואוסטזיין . . . . . | „ | 19 |
| דער נאציאָנאליזם פון די גרויסע אַגראַריער . . . | „ | 21 |
| דער נאציאָנאליזם פון דער גרויסער בורזשואזיע . . | „ | 24 |
| דער נאציאָנאליזם פון דער מיטעל־ און קליין־בורזשואזיע | „ | 25 |
| דער נאציאָנאליזם פון פראָלעטאריאט . . . . . | „ | 27 |
| ר ע ז י ו מ ע . . . . . . . . . . . . | „ | 33 |

## Издательство „Перевалъ“-Москва-Кіевъ.

**Л. Берлинраутъ.** Кризисъ интернаціонала . ц. 20 к.

**С. Кивинъ.** Въ борьбѣ за еврейскую школу . . . ц. 20 к.

**Л. Берлинраутъ.** Война и еврейскій рабочій въ Палестинѣ . . ц. 15 к.

**Б. Бороховъ.** Классовая борьба и національный вопросъ (2-е изданіе) . . . ц. 40 к.

Адресъ: **Москва**—Трубная пл. 4 кв. 6.
**Кіевъ**—Пушкинская 20.

פערלאג „דער האמער“ קיעוו.

עס איז ארוים פון דרוק:

ב. בארוכאוו.
די קלאסען־אינטערעסען און די נאציאנאלע פראגע.
צווייטע אויפלאגע . . . . . . . פרייז 40 к.

ארסקי.
די מלחמה און דער יודישער ארבייטער אין פאלעס־
טינא. . . . . . . . . . . פרייז 15 к.

עס דרוקט זיך:

דאנין. די נאציאנאלע פראגע פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט.
הערמאן גרייליך. וועגען מאטעריאליסטישען פערשטעהן די געשיכטע
יעקב עטינהאף. (האאג) אמת און שקר וועגען פאלעסטינא.

Адресъ: **Кіевъ, Пушкинская 20.**